179

# לשון און לעבן


חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 11־10 (העפט 290־289) זעכצנטער יאָרגאַנג אָקטאָבער־נאָוועמבער 1955, לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


אינהאַלט:


| | | |
|---|---|---|
| „לא ישא גוי אל גוי חרב“, ימים־נוראים | ** | 1 |
| אין טאָג ווען אַלט־ירושלים איז געפאַלן, פאַרליבטע (לידער) | אברהם סוצקעווער | 4 |
| נאָך נעילה (דערציילונג) | משה דאָמב | 5 |
| יום־כפור־ליכט (ליד) | שמואל וואַהייט | 9 |
| מנחם מענדל פון לאָנדאָן צו זיין ווייב שיינה־שיינדל אין תל־אביב | א. מייזעלס | 10 |
| הערבסט שטימונג (ליד) | עללאַ זילבערג | 13 |
| הערבסט בלעטער (ליד) | שמואל וואַהייט | 13 |
| דער קרייז אין גאָרטן (דערציילונג) | רחל מירסקי | 14 |
| ווייטשעפל באַלאַדעס | א. נ. שטענצל | 17 |
| 300 יאָר יידן אין ענגלאַנד (אַריינפיר) | אהרן ראַלין | 22 |
| יוסף ראָלניק און זיין דיכטונג | י. א. ליסקי | 25 |
| אַ בילד פון ענגליש־יידישע פּרויען־שרייבערינס | אָלגאַ סמך־פּיליפּס | 29 |
| נייע יידישע ביכער (רעצענזיעס) | ש. י. דאָרפזאָן | 35 |
| אברהם סוצקעווער ווי אַ דיכטערישע פּערזענלעכקייט | יחזקאל בראָנשטיין | 38 |
| יידיש טעאַטער אין לאָנדאָן | ש. י. האַרענדאָרף | 43 |
| נאָטיצן פון אַ לייענער | מ. אַלמאַן | 45 |
| צום 70־יאָריקן יובל פונם „אַרבעטער פריינט“ | ש. | 47 |
| לאָנדאָנער קולטור ידיעות; די שבת נאָכמיטאָגס | | 48 |


**פּרייז 1 שילינג און 6 פּענס**

**אַבאָנענט־פּרייז: —19/6 פאַר אַ יאָר**

**אין אויסלאַנד: —5 דאָלאַר אַ יאָר**


אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: —

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,

Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*



**פערלאַג נאַראָד פּרעס** ווינטשן קליענטן, אָנגעשטעלטע און חברים אַ כתיבה וחתימה טובה.


## (המשך) קולטור ידיעות

די גוט־באַקאַנטע אַקטריסע ראָזע וואַקסמאַן, די פרוי פון אַמאָל־באַרימטן אַקטיאָר משה דוד וואַקסמאַן, איז געשטאָרבן נאָך אַ לאַנגער קראַנקהייט.

• • •

דר. בראַצקי ווילט איצט אין לאָנדאָן. די „גרופּע פרייע אַרבעטער שטימע“ אָרדענען אים איין אַ פאָרטראַג אין אַרבעטער רינג, מיטוואָך, דעם 15־טן סעפּטעמבער, 8 אַזייגער.

• • •

דר. פינקלשטיין, דער פאָרשטייער פון די איטא ישראל ווילט זייט איינִיקע וואָכן אין לאָנדאָן.

• • •

דער פּאַריזער אַקטיאָר משהלע בראָק איז אַנגאַזשירט געוואָרן אין גרענד פּאַלעי.

• • •

אַ בראַנדזש פון אחדות העבודה האָט זיך פאָרמירט אין דער איסט־ענד. איינע פון אירע צילן איז אויך צו פאַרברייטערן די יידישע קולטור־אַרבעט.

דער שרייבער און קולטור טוער פון אַפריקא פריינט שור האָט געווײלט אויף זיין דורכרייזע איינִיקע טעג אין לאָנדאָן. די ייוו״אָ האָט איינגעאָרדנט פאַרן חשובן גאַסט אַן אָוונט. א. מ. קייזער האָט געפירט דעם פאָרזיץ.

• • •

משה מאַלינאָוויטש אויף זיין נסיעה קיין פאַריז אַלס דעלעגאַט פון ישראל צו דער קאָנפערענץ פון די וועגעטאַריער, ווילט אין לאָנדאָן. זונטיק, דעם 18־טן סעפּטעמבער, 8 אַזייגער, וועט דער גאַסט האַלטן אַ פאָרטראַג: דאָס נאַטירלעכע און גייסטיקע טאָג־טעגלעכע לעבן, אין רעסטאָראַן, 62 ניו רויד, צונויפגערופן פון „פריינט פון יידיש לשון“.

• • •

דער ערן־אָוונט פר מאַקס באום אין גרענד פּאַליי ביי אַ פול געפאַקטן זאַל איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג פאַרן אַקטיאָר און פאַרן טעאַטער.

• • •


## ביכער פון פאַרלאַג „לשון און לעבן“

| | |
|---|---|
| „ווייטשעפּל לעבט“ (אַנטאָלאָגיע פון עטלעכע 20 יידישע שרייבער) | 10/- |
| „שיידוועגן“, אַ בוך דערציילונגען פון י. ביעטש | 10/- |
| „ווידערוואוקס“, אַ בוך לידער פון א. נ. שטענצל | 12/6 |
| „טעאַטער־קאַראַוואַנען“, פון ש. י. האַרענדאָרף | 15/6 |
| „פּאַמאַכעט דער כעלעמער פּאָעט“, שמואל וואַהייט | 7/6 |

מיט באַשטעלונגען זיך צו ווענדן אויפן אַדרעס פון:

LOSHN UN LEBN, 17, Delamare Bldgs., E.1.

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**

## פריינט פון יידיש לשון

דינסטיק, דעם 15־טן נאָוועמבער, 7.30, אין **אַדלער האַל**, אַדלער סטריט

**אַ באַנקעט לכבוד 15 יאָר „לשון און לעבן"**

אין קינסטלערישן טייל וועלן זיך באַטייליקן דאָס אַקטיאָרן־פּאָרל **עלען ווינאַגראַד** און **סעם גאָלדבערג**, דער אַקטיאָר **הערמאַן טוניס** און **מיכאל מינדעל** מיט זיין באַלאַלייקע.

רעדעס און באַגריסונגען ביי געדעקטע טישן.

אַלע פריינט זיינען איינגעלאַדן. איינטריט 3/6

## „לשון און לעבן"

מיט דעם היינטיקן נומער „לשון און לעבן" גייט דער זשורנאַל אַריין אין 16־טן יאָר פון זיין עקזיסטענץ. די גאַנצע צייט איז געווען שווער דער עול. ער האָט נישט קיין שום סובסידיעס, קיין אַנאָנסן, און די אַבאָנענטן צאָל פאַרקלע־נערט זיך ממש פון חודש צו חודש. און דער פאַרקויף מיד ליד, וואָס יעדן חודש האָבן זיך פאַרשפּרייט עטלעכע הונדערט נומערן האָט אויך מכמה סיבות כמעט ווי אויפגעהערט — שטייט דער זשורנאַל ממש פאַר אַ קריזיס.

דאָס ערגסטע אָבער, דאָס געפערלעכסטע וואָס די דיסקוסיע פּראָפּאַגאַנדע קעגן יידיש הייבט שוין אויך אָן צו ווירקן אין אונזערע רייען . . .

אין לעצטן האַלבן יאָר איז יעדער נומער, ביז מיר באַקומען אים אַרויס, אַן אַרבעט „מיט סכנת נפשות". מיר האָפן די שווערקייט איבערצוקומען און די „ביטערע צייט" אַדורכצומאַכן און דעם זשורנאַל נישט אָפּצושטעלן, חלילה.

אָבער אויף דעם ביסל אַבאָנענטן וואָס מיר האָבן נאָך, ליגט קודם דער חוב וואָס אַמשנעלסטן צושיקן דעם באַטרעפנדיקן חוב וואָס זיי זיינען שולדיק און אויך צוצושיקן פאַר אַ יאָר פאָראויס, דעם יאָר 1956 וואָס קומט אָן, כדי מיר זאָלן קענען ווי נישט איז דעם ווינטער אויסהאַלטן.

אויך מוזן זיי האָבן אויף זיך אַ געוויסן אחריות, צו באַזוכן די דינסטיק־קאָנצערטן וואָס מיר אָרדענען איין אַלע חודש און וואָס פון דעם איינקום ביי דער קאַסע בלייבט אַ געוויסע שטיצע פאַרן זשורנאַל און פאַר די הוצאות אָנצו־גיין מיט די ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס.

מיר אַלאַרמירן נישט, מיר וואָרענען נישט, נאָר מיר בעטן די פריינט אונ־זערע, אונזערע לייענער און די ליבהאָבער פון יידישן וואָרט זיך צו פאַר־טראַכטן און נעמען ערנסט דעם ענין, אַז דער קולטור־ליטעראַרישער פונקט, וואָס מיר האָבן נאָך דאָ, זאָל נישט פאַרנאַכלעסיקט צי גאָר אומיסטן צעשטערט ווערן, חלילה.

מיר שטרענגען זיך אָן ווייטער אָנצוגיין און מיר ווילן אייער מיטהילף און אייער מיט־אחריות.

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

נומער 11־10 (העפט 290־289) זעכצנטער יאָרגאַנג אָקטאָבער־נאָוועמבער 1955, לאָנדאָן

## „לא ישא גוי אל גוי חרב"

אַנדערש נאָר איז דאָס שאַך־ברעט אויסגעשטעלט,
און דעם ערשטן צוג האָט איצטער שוואַרץ;
געגאַנגען פריער אויף אונזער לעבן,
איז אַצינד דאָס ציל־ברעט אונזער האַרץ.

13 פונקטן דער, 15 פונקטן דער,
און מיר דער ציל־פּונקט ווי אַלעמאָל!
פון אַלע זייערע „שלום"־פּלענער,
עראָפּלענער איבער ישראל — —

נאָך פריש פון די הענט די שטעט, די דערפער,
זאָלן זיי ווערן, חלילה, צעשטערט?
גאָט, ערשט געקאָוועט דאָס אַקעראייזן,
און שוין אויסשמידן דערפון אַ שווערד?

אין אַ שאַך־ברעט צעקעסטלט ס'איז די ערד,
די מענטשן — פיגורן שוואַרץ און ווייס!
אונזער שטיקל ערד אַ פריש צעאַקערטס,
עס איז נאָך פייכט פון בלוט און שווייס.

מיט אַזוי פיל טרערן עס אויסגעזייט,
פאַרשניטן צו זיין מיט ווייב און קינד?
אין גליאיקע הענט די אַקעראייזנס,
געשמידטע שווערדן זיינען אַצינד.

אָ, „אשרי אדם מפחד תמיד" — —
מיין האַרץ ציטערט גליוועט און צערינט:
ווי פלעווס ווידער צעפלאָשעט ווערן,
מיט אונזער אַש פאַרווייען אין ווינט?

זע, פון מיינע אויגן גיסן טרערן,
און מיין האַרץ איבערגייט און פאַרגייט:
אין דרייענדיקן כדור־הארץ
מיר האָבן זיך ווידער אַריינגעדרייט;

אָ, מ׳האָט אונז אַרום־ און אַריינגעקרייזט,
אין דעם דרייענדיקן שווינדל־ראָד,
און נאָך דעם וואָס געשען איז ווי אַזוי,
זיך פֿאַרלאָזן נאָך אויף דיין גענאָד?

גאָט, נישט רחמים און נישט חסד — דין, דין!
זאָל געשען דיין משפט אויף דער ערד!!
אַ פֿאָלק, אַ מענטש, אַ לאַנד, די גאַנצע ערד,
אָן גערעכטיקייט וואָס פֿאַר אַ ווערט?

אין אַ שאַך־ברעט צעקעסטלט ס׳איז די ערד,
כיטרע אויסגערעכנטן יעדער צוג;
ס׳רוקן זיך, טויטע פֿיגורן פֿאַלן,
זיינען זעקס מיליאָן נאָך נישט גענוג?

„אחת ואחת" און „אחת ושש — —"
ביי „אחת ושבע" האַלט עס שוין איצט!
פֿון אונזערע זינגענדיקע קאָסעס,
האָבן מיר שאַרפֿע מעסערס געשפּיצט —

מיר וועלן זיך נישט לאָזן באַגראָבן,
ביי לעבעדיק לייב מיט ווייב און קינד,
אין אונזערע הענט די אַקעראייזנס
זיינען גליאיקע שווערדן אַצינד — — —

זע ווי מיינע אויגן גיסן טרערן,
אָבער פֿון מיין האַרץ דאָס בלוט איז גרייט,
בלויז איך ווייס, אייביקער ווי מענטש און וועלט,
זיינען פֿון די נביאים די רייד — —

„פֿאָלק צו פֿאָלק וועט נישט אויפֿהייבן קיין שווערד",
גאָט, אַזוי ווי אין דיינע פּסוקים שטייט!
אַ לאַנד, אַ מדינה, די גאָרע ערד,
וואָס פֿאַר אַ ווערט אָן גערעכטיקייט.

## ימים־נוראים...

ווי אַלע יאָר האָט דער היינטיקער לייט־אַרטיקל געזאָלט זיין אַ ימים־נוראימדיקער סך־הכל פֿון אונזער גייסטלעכקייט און גייסטיקייט פֿון אונזער קהילה און קולטור לעבן דאָ — אָן אַנעמישער אויסמיש פֿון רכילותדיקע מסירה ווערטער און שווערע מוסרדיקע רייד אויף די רעליגיעזע און געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס אונזערע — אַ יידישלעכן על־חטא זיך קלאַפּן אין האַרצן! אָפּגעקלאַפּטע הושענית אַרויפֿוואַרפֿן אויפֿן ארון־קדוש . .

אין די הייליקע און פֿורכטיקע טעג, ווען די שולן זיינען פֿול מיט די לאַנדאַנער יידן און זיי זיינען פֿול געפּאַקט מיט זייערע קינדער און קינדס קינדער



און די זיידעס נעמען זיך צו די שווערע מחזורים און טוען אָן די גרויסע ברילן, קוקט זיך בעסער אויף אונזער ליבן ישוב דאָ און אַלעס זעט זיך אָן פֿאַרגרעסערט און דייטלעך. אַמדייטלעכסטן אונזערע אייגענע חסרונות: „וחסרונם על כל מה שבראתה" . . .

און דער עיקר שעפּט זיך גרויס נחת פֿון אונזערע ליטעראַרישע און קולטור יידן וואָס זיצן זיך בהרחבה אויסגעזעצט אויף די פֿיינע „שטעט" האַנט אין האַנט מיט די אַרבעטער־פֿירער און פּראָגרעסיווע און זיינען שוין יוצא פֿאַר אַ גאַנץ יאָר מיטן „ואתה יודע רזי עולם".

מיר האַלטן שוין סוף אָקטאָבער, אָבער די ימים־נוראים־טעג האַלטן נאָך אַלץ אָן און די פֿאָרכיקע טעג ציען זיך אַזוי רעאַל, אַזוי ציטערדיק, אַז יעדע שטימונג ווערט אָפּגענומען; קיין בלאַט ציטערט שוין נישט אויף קיין בוים, אָבער דאָס האַרץ ציטערט נאָך אַלץ „ווי אַ פֿיש אין וואַסער".

די וועטער־מאַפּעס פֿון די ענגלישע פּאַגעס וואָס האָבן זיך שוין גענומען באַווייזן אויף די פֿראָנטן פֿון די צייטונגען זיינען אַראָפּגענומען, און עס באַווייזן זיך אַנשטאָט זיי — די ישראל־מאַפּע! מיט אויפֿגעשטעלטע צוויי באַוואָפֿנטע מלחמה פֿראָנטן. די אַטמאָספֿערע אויף דער יידישער גאַס איז אַ כל־נדרי׳דיקע, אַ היום־הרת־עולמדיקע!!

אַלע תפֿילות, יוצרות און פּיוטים פֿונם מחזור מישן זיך אויס מיט די צייטונגס נאַכריכטן מכוח „מידל איסט", מיטן באוואָפֿנען עגיפּטן און די אַראַבישע שבטים און מדינות, מיט דער „ביג־פֿאָור" קאָנפֿערענץ אין זשענעווע.

דאָס קלאַפּן פֿונם פּרעמיער פֿון ישראל, משה שרת, אין די קולוואַרן־טירן און אין די טירן פֿון דאַלעס, פֿון מאָלאָטאָוו, מאַקמילאַן: „פּתח לנו שער", איז ממש נעילהדיק — אָ, ווי עס קלאַפּט דאָס האַרץ מיט אַזאַ שוידערנדיקן ציטער:

צוויי אַרמייען שטייען באַוואָפֿנט, דאָס קליינע ישראל, מיט אַנדערטהאַלבן מיליאָן יידישע איינוווינער, געראַטעוועטע פּליטים פֿון גאַז־אויוונס, פֿון קרעמאַטאָריומס, אַרומגערינגלט פֿון 40 מיליאָן אַראַבער — די שטימונג איז ממש אַ נעילהדיקע! און מיר וואַרטן מיט קלאַפּנדיקע הערצער אויף דער תקיעה גדולה, אויסגעבלאָזן צו ווערן ביים זינגענדיקן „עושה שלום במרומיו הוא יעשה שלום עלינו ועל כל ישראל" — — — מיר וואַרטן אויפֿן שופר של משיח!

ווען אברהם סוצקעווער איז אַרויפֿגעקומען צו די יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס זיך צו געזעגענען מיטן עולם פֿאַר זיין אָפּפֿאָר קיין ישראל, איז עס נישט נאָר געווען די שטימונג, וואָס אַ דיכטער, דער רעדאַקטאָר פֿונם גרעסטן ליטעראַרישן זשורנאַל, „די גאָלדענע קייט", פֿאַרענדיקט דאָ אין אונזער ישוב זיין ליטעראַרישן טור, נאָר עס איז געווען: דער פּאַרטיזאַן סוצקעווער, דער העלד פֿון דער ווילנער געטאָ, פֿון ירושלים דליטע, פֿאָרט אָפּ צום פֿראָנט קיין ישראל, קיין ירושלים, און ער קומט זיך געזעגענען מיט זיינע נאָנטסטע, מיט זיינע קרובים, מיט טאַטע־מאַמע:

„צוויי עיקר־זאַכן האָבן מיר אין יידישן לעבן און דאָס איז ישראל און די יידישע ליטעראַטור", און ער פֿאָרט אָפּ די צוויי עיקר־זאַכן צו פֿאַרטיידיקן און צו באַהיטן.

ביי דער מאַסן פֿאַרזאַמלונג, וואָס די אחדות העבודה האָט איינגעאָרדנט אין גרענד פּאַליי מיט דעם העלד פֿונם יידישן נצחון אין ישראל ביים גרינדן פֿון דער ישראל מדינה, מיטן פֿירער פֿון פּלמ"ח, יגאל עלון, זיינען אַלע פּלעצער געווען באַזעצט ווי יום כפּור אין אַ געפּאַקטער שול און די שטייענדיקע מענטשן אַרום די ווענט, צעשאָקלטע ווי די שאָטנס בשעת נעילה. ווען ער האָט זיין פּאָליטישן רעפֿעראַט אויסגעלאָזן מיט די שווער אַקצענטירטע ווערטער: „ישראל איז נישט אַליין, זי האָט פֿאַרבינדעטע אַלע יידן אין די תפֿוצות", איז אַ שטילער

ציטער אַדורך דורך אַלע הערצער; ס'איז געווען אַ שטילע תפילה פאַרן ישראל ישוב, פאַר דער יידישער מדינה: דאָס שטיקל נחת וואָס מיר האָבן, — נאָך דעם גרויסן אומגליק וואָס איז אין אונזער דור געשען! — עס זאָל דאָך אונז נישט צעשטערט ווערן; גאָט, באַשיץ און באַהיט אונז, אין אונזער שוואַכקייט און אין אונזער שטאַרקייט און דער עיקר, עס זאָל דאָך זיין שלום על ישראל, און איבער דער גאַנצער וועלט.

---

## אברהם סוצקעווער

### אין טאג ווען אלט-ירושלים איז געפאלן*

...און אַז די לעצטע קריגער האָבן מער שוין
די אַלט־שטאָט נישט באַוויזן צו באַהערשן —
האָט דער סאַמע ייִנגסטער פון אַ וואַנט
אַ ציגל אויסגעבראָכן, און אַנשטאָט אים
פאַרמויערט זיך אַליין די רעכטע האַנט:
איך וועל דאָ בלייבן אַליין ביז מיין לעצטן אָטעם.

### פאַרליבטע

אויף די פעלזן־ווענט פון עיר־הקודש,
טראָגט אַ בחור אַ פאַרווונדיקט מיידל,
ווי אַ הירש אַ רויזנקוסט אויף הערנער.
לבנה קלייבט די טראָפּנס טריט ביי טריט.

דער בחור זינגט דעם פאַרטיזאַנער־הימן,
די פעלזן פון יהודה זינגען מיט.

די מיידל־אָרעמס — אַרום האַלז פון בחור,
אמתדיקער: אַרום האַלז פון שטאַם.
איר בליק —
דער ניגון פון די בערג און טאָלן
וועט אין אונזער אַפּל זיין פאַרהיט.

דער בחור זינגט דעם פאַרטיזאַנער־הימן,
דער מיידלס טויטע ליפּן זינגען מיט.

*פונם בוך „דער רייטוואָגן"



## משה דאַמב

### נאָך נעילה

(דערציילונג)

אַ נשמה־ליכט פאַר די אומגעקומענע כמעלניקער, סטאָפּניצער, בוסקער און פינטשעווער יידן.

ווען די לאָמע מלכה האָט פאַרלאָזט דאָס דאָרף שלאָדקעוו, האָט זי כסדר אַריינגערעדט אין איר זונס אויער: „ס'איז אַ יאַנדעס צו פאַרלאָזן אַזאַ שיין דאָרף, פול מיט וועלדער, טייכן, מיט קאַטשקעס, גענז, אַ הויף מיט אינדיקעס, הינער, און אַלדאָס גוטס, ווען דיין טאַטע שלאָגט זיך נישט אַרום מיט די שטעטלדיקע קצבים, וואָלט ער נאָך אפשר געלעבט. האַ, וואָס זאָגסטו, הערש־וואָלף?" אָבער הערשל האָט נישט געהערט די מאַמעס רייד, נאָר כסדר געקוקט ווי די פאַסטוכער אויפן פעלד ברענען פאַרטריקנטע באַדילעס, מיט קי־ליינען. און באַזונדערס איז שווער צו הערן די מאַמעס ווערטער, ווען דאָס פויערישע פורל טורקאָטעט און טראַסקעט איבערן קרעציקן קאַלך־וועג. ס'האָט זיי ביידע באַנג געטון דאָס פאַרלאָזן שלאָדקעוו, האָבן זיי שוין דעם רעשט וועג געשוויגן, און צוגעהערט זיך, ווי די שיקסעס זינגען ביים שניידן ס'קאָרן: „אוי דאַנאַ דאַנאַ". און הערשל האָט אין זיך אַריינגעזאַפּט דעם פרישן ריח פון דעם פריש־אָפּגעשניטענעם גראָז, צוזאַמען מיטן קאָרן, אויסגעמישט מיטן באַדילע און גע־בראָטענע קאַרטאָפל געשמאַק. אָבער הערשלס מאַמע האָט זיך כסדר דערמאָנט, אַז אָט אויף די פעלדער האָבן אַמאָל די פויערים געוואָלט אָפּשניידן די פיס דעם געשטופלטן בערל מילנער, פאַר נישט לאָזן באַוואַסערן די לאָנקעס, אין הייסע זומער־טעג. בערל מילנער איז טאַקע געווען אַ שלעכטער, אַזוי איז געווען זיין זון, הערש־וואָלף, דער געשטופלטער.

ווען די לאָמע מלכה האָט געברענגט איר זון אין שטעטל אַריין, האָט זי אים גלייך געגעבן אין חדר אַריין צו לערנען, צו חיים נתן מלמד. פון דער מאַמען האָט ער זיך אויסגעלערנט די ווערטער „יאַנדעס" און „שוין שוין". אַז די קינדער האָבן אים גערופן „הערשל שגץ", איז ער געלאָפן מיט אַ בעטשעריי צו דער מאַמען: „שוין שוין מאַמע, ווי דאָס האָט אַ יאַנדעס צו געבן צונעמען". ער איז געווען בטבע אַ ווילדער, און האָט זיך גוט געלערנט, אָבער אָפּגעלאָזט, מיטן טאַטנס רציחה, און ווי דער טאַטע, געטראָגן שטענדיק דאָס היטל אויפן שפּיץ קאָפּ, מיטן דאַשעק פאַרדרייט, צעפלאָשעטע, צעוויאַנעטע, צוויי קאַפּאָטע שפּיצן, פליענדיקע בלאָנדע פאות, אַ פאַרריסן מאַלפּע־נעזל, גרוי־רויטלעכע אויגן, ווי ביי אַ פאָסט־טויב, מיט אַ שקצישן בליק, שטענדיק פאָרויס, מיט חוצפה און רציחה, מיט רויט־דאָרפּישע געשטופלטע קין־באַקן, רובאַשנע דיקע רויטע ליפּן, אייביק אויף זיי מיטן „שוין שוין"...

און אַז הערשל איז איבערגעגאַנגען פון חדר אין בית המדרש אַריין לערנען, האָט מען אים דאָרט גערופן „געשטופלטער גוי". האָט ער אַמאָל זיך צעבייזערט מיט אַ גויאישן כעס, מיט פאַרמרוזשעטע רויטע אויגן, און מער פאַרריסן ס'נעזל,

און פאַרבויגן אין אַ זייט זיינע ברייטע, געזונטע פלייצעס, און מיט אַ הייזעריק פויעריש קול געשריגן: „שוין שוין כ׳בין אפשר אַ גוי, איז וואָס?... ווי ס׳האָט אַ יאַנדעס צו געבן צונעמען... און אַז כ׳וועל אַמאָל אָפּרייסן אַ בינטל פרישע גרינע פּאָקזשיוועס מיט שאַרפע הערלעך, און אייך שמייסן איבער די פּיסקעס, אוי וועט איר דאַמאָלט זען פּאַר אייערע שליפּיעס, אַ גוי־שמוי, און איר׳ט פּישטשען, ווי גרין־געלע טשיפּטשעלעך אין הינער־שטייג״.

ס׳האָט אים פאַרדראָסן און געציפּט ביי די לעבער, וואָס מ׳האָט אים אַזוי גערופן, האָט ער אויף להכעיס זיך אָפּגעשוירן די פאות, אַרומגעשניטן די צוויי קאַפּאָטע־שפּיצן, מיט אַ שוסטער־מעסער, געוואָרן אַן אפיקורס, געלערנט זיך אַ פאָך, בעקעריי, אַוועק קיין וואַרשע, פאַרדינט גוט, פאַרגעסן ס׳ביסל יידישקייט פון דערהיים, געחברט זיך מיט אונטערוועלט־שקצים, גערעדט ווי זיי, געטרונקן מיט זיי, און כמעט געלעבט ווי זיי...

און ווען ער פלעגט קומען אין שטעטל אַריין צו דער מאַמען אויף אַ יום־טוב, איז באַלד אין צווייטן טאָג, היידאַ, אין דאָרף אַריין, דאָרט געטאַנצט, געהוליעט מיט זיינע אַלטע חברים, געגאַנגען מיטן גייאָווע וויעסלאַוו שיסן ווילדע חזירים אין די הייליקע קרייץ־וועלדער, געקליבן שוואָמען מיט די דאָרפישע שיקסעס, געבראָטן קאַרטאָפל מיט די פאַסטוכער, און זיך געקלערט: „גוי־שמוי, שגץ־פייגעץ, חי, געלעבט זאָל ווערן״...

ווען די דייטשע רוצחים זיינען אָנגעקומען קיין וואַרשע, איז הערשל געווען זייער ערשטער חבר, געמסרט יידן, און ווען ס׳האָט זיך געלאָזט, און זיך געטראַכט: „שוין שוין, איינמאָל אַ גוט לעבן״. ער האָט איין מאָל געמאַכט אַ טעות אין מסרן, האָבן אים די דייטשן פאַרשיקט אין אַ קאָנצענטראַציע לאַגער, דאָרט איז ער גלייך געוואָרן אַ „קאַפּאָ״, געהאַקט, געבראָקט, ער פלעגט שלאָגן, פּלאָגן נאָר יידן, מיט גויאישע רציחה און כעס, ווי צו להכעיס זיך אַליין, און זיך געקלערט: „שוין שוין, זאָלן זיי זען, ווער הערשעלע גוי איז״...

ער האָט געוווסט אַז צו זיין אַ „קאַפּאָ״ אין לאַגער איז נישט פון די קלייניקייטן, געגאַנגען מיט קליינע געמאָסטענע טריטלעך, מיט אַ שטאָלצן קאָפּ, נישט געקוקט אויף קיינעם, נישט גערעדט מיט קיינעם, ערנסט, אָן שמייכל, געסקרייפּעט מיט די געלע גימזענע געפּאַסטע אָפּיצערסקע שטיוועלעך, כסדר געקלאַפּט אין זייערע קנייטשנדיקע כאָלעוועס, מיטן דינטשינקען באַמבוס שטעקעלע, אָנגעשטרענגט זיינע בייזע שקצישע שליפּיעס, פאַרפּודערט דאָס געשטופּלטע פּנים, פאַרקעמט אַ גלאַנציק־פעטן קאָפּ האָר מיט אַ שקאַצישן שרינט, באַשמעקט מיט קעלניש־וואַסער, אַרומגעגאַנגען און געשריגן, געשפּיגן, געוואַלדעוועט, געשאָלטן אויף אַלערליי לשונות, געזוכט, גענישטערט אין די באַראַקן, דווקא נאָר ביי יידן, אַבי זיי אָנצוטון גרויסע צרות, און מיט הינטישן כעס זיך געטראַכט: „כ׳וועל שוין שוין זיי איינמאָל פאַר אַלעמאָל ווייזן״...

און אין די גרויע פרימאָרגנס פלעגט ער אויפשטיין דער ערשטער, ער האָט גאָרנישט געהאַט דאַמאָלט צו טון, אַלע זיינען נאָך געשלאָפן, פלעגט ער אַרומלויפן ווי אַ משוגענער הונט, און מיט די ציינער די צונג בייסן, און מיטן באַמבוס



TOWER HAMLETS LIBRARIES

שטעקעלע שמייסן און רייסן די בלומען שטענגעלעך און די גאָרטן בייטן, אָדער קלאַפּן מיטן שטעקעלע איבער די שטעכיקע פאַרקאַן־דראָטן, מיט כעס און האַסטיקייט, ווי ער וואָלט וועלן זאָגן וועמען: „כ׳האָב שוין איינמאָל אַ גויאישע יאַנדעס... עך מאַלאָדיעץ דו איינער״...

ווען די רוצחישע דייטשן האָבן געליטן אַ מפּלה, זיינען אַלע לאַגערן געוואָרן אויפגעפּראַלט, איז הערשל דער ערשטער נעלם געוואָרן. ער איז אַוועק צוריק קיין פּוילן, געבראַטשעט, געבלאָנזשעט צווישן חרובע שטעט און שטעטלעך, ביז ער איז אָנגעקומען אין אַ שטאָט ווו ס׳זיינען געווען יידן, פאַרלאָזט זיך אַ לאַנגע באָרד, אָנגעטון זיך שוואַרצע ברילן, אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטער, אומעטיקער, טרויעריקער, מיט טריבע פאַרחלומטע אויגן, מיט אַ מידן קאָפּ, און שיינע בגדים, ביי דער רעכטער האַנט אַ גראָבן באַמבוס שטעקן, גענומען האַנדלען אויפן שוואַרצן מאַרק, געקריגן געלט פון אַמעריקע, פון די מאַמעס אַ שוועסטער, געקויפט זיך אַ שיינע הייזקע מיט אַ גאָרטן, ערגעץ אונטער דער שטאָט, נעבן אַ דאָרף, ווו ס׳האָט דערנעבן געוואַקסן אַ געדיכט אָלכע־וועלדל. און ס׳האָט געטראָמט און גערוישט אַ שמאָל ריטשקעלע, געוואָלט זיך חברן מיט די דאָרפישע גויים, אָבער זיי האָבן זיך סודותדיק פון אים אָפּגערוקט.

ער האָט זיך פּלוצלינג דערפילט דערשראָקן, איינזאַם, פאַרלאָזן פון אַלעמען, אַ מעלאַנכאָלישע שטילקייט האָט כסדר געצימבלט אין זיינע אויערן, ס׳האַרץ האָט זיך אים איינגעקורטשעט, ס׳האָט אים אינעווייניק ערגעץ געציפּט און גענאָגט און געפּלאָגט, ס׳האָבן זיך אים כסדר פאָרגעשטעלט שאָטנס ווי סקעלעטן, וועלכע וואַרפן אויף אים סקעלעטן ביינער מיט ריזיקע קיזל־שטיינער. אין פינסטערע נעכט פלעגט ער פאַרבייגן דעם קאָפּ און צו זיך שרייען „אוי מאַמע!״ פאַר די אויגן האָט אים כסדר געשווינדלט מיט בלויע וויקלענדיקע רעדער־פאַסן, און אויף יעדן ראָד זיצט אַ ייד און שטרעקט אויס די האַנט צו אים און וויל אים וואַרגן: „אַ יאַנדעס, אַ יאַנדעס...״

ס׳פּנים איז געוואָרן פאַרבלאַסט, פאַרדאַרט, צעקנאָדערט, ווי אַלטער אויפגעפרישטער פאַרמעט, די הענט ציטערדיק, דער קאָפּ פאַרבויגן, די אויגן ווילד דערשראָקן, ס׳האָט אים אַלעס געשראָקן, די גאַנצע אומגעבונג אַרום, דאָס רוישנדיקע ריטשקעלע, די פייגלס סווישטשערן, די וואָראָנעס׳ קראַקן, די בוימערס שאָרכן. אַממייסטן האָט אים ווילד געשראָקן דעם וועלדלס עכאַ „האַ, האַ, האַ״. דאָס זיינען די ריכטיקע טויטע נשמות, האָט ער געטראַכט ביי זיך. ער פלעגט זיך פאַרשליסן, פאַרריגלען, אָבער ער האָט אַלעס געהערט און געזען, ווי צו להכעיס עפּעס אומבאַקאַנטעס... ווען ס׳זיינען געקומען די ימים נוראים, איז ער גלייך אַוועק אין שטאָט אַריין צום רב, פרעגן אַן עצה אויף די שרעק. גייענדיק מיט נישט זיכערע, וויאַנענדיקע טריט איבער די געסלעך, האָט אים פּלוצלינג דערקענט איציק קצב׳ס זון, שמשון, וועלכער האָט געוווסט אַלעס וועגן אים, נאָך ביי אים אין שטעטל, אַז ער איז געווען אין וואַרשע אַ מסור. ער האָט אים גלייך אַ כאַפּ געטון ביי די לאַצן און אויסגעשריגן: „דו געשטופּלטער ממזר, פאַרוואָס האָסטו געמסרט?״ הערשל האָט דערשראָקן זיך צעוויינט און געבעטן

ווי אַ יידענע: „שמשון קרוין, לאָז מיך אָפּ, כ'האָב שוין גענוג, שוין שוין"... שמשו קצב האָט עפּעס רחמנות געקריגן אויף אים און אים אָפּגעלאָזט. ער האָט גאָרניט געוווסט וועגן דעם, אַז הערשל איז געווען אין לאַגער אַ „קאַפּאָ".

ווען הערשל איז אַריינגעקומען צום רב, האָט דער רב אויף אים געקוקט מיט פּחד און רחמנות, און צו אים גערעדט מיט חשד, און גע'עצה'ט, ער זאָל ערב יום כפּור אָנצינדן צוויי גרויסע וואַקסענע ליכט, איינס פאַר אים און איינס פאַר זיינע עלטערן, און ער זאָל יום כפּור ערנסט מתפּלל זיין.

אַ צעררייצטער און דערשראָקענער, מיט פאַרצאַפּלטע וואַסערדיקע אויגן, פאַרטריקנטע ליפּן, ציטערדיקע הענט און פיס, האָט ער ערב יום כפּור אָנגעצונדן די צוויי גרויסע וואַקסענע ליכט אין דער שול. צומאָרגנס, יום כפּור, איז ער געווען כמעט פון די ערשטע אין שול. ס'האָבן מעלאַנכאָליש־טרויעריק געטריפט און געפלאַמט אַלע שול־ליכט. און באַלד אַרום דעם עולם, מיט די פאַרדעקטע טליתים איבער די קעפּ, האָט זיך געהערט אַ שטיל שעפּטשן, מיט כוונה און פּחד, אויסגעמישט מיט ערנסט און טרויער. ער האָט זיך געזעצט מעשה בעל בית, נעבן ארון קודש, זיך פאַרדעקט מיטן טלית איבערן קאָפּ, מוראדיק זיך איינגעבויגן, זיך כסדר געשאָקלט, נישט גערעדט מיט קיינעם, נישט געקוקט אויף קיינעם, און אין דער זעלבער ציַיט זיך דערמאָנט יום־כפּור אַמאָל אין שטעטל.

אין דער פרי יום כפּור איז אַזוי אומעטיק, אַלעס טרויעריק, די זון שיינט מיט אַ קיל יעשען־ווינטל, וואָס ברענגט מיט זיך דעם פעלדישן ריח, פון אָפּגעברענטע גראָזן און באַדילעס, אָפּגעריסענע אַש־בלויע, קאַלטע וואָלקנס וואַנדערן שנעל שנעל ערגעץ אַוועק. גאָלדענע קאַשטאַן־בלעטער האָבן מעלאַנכאָליש, סודותדיק געפּליסטערט און געשעפּטשעט, אַ ריח פון עפּל, באַרנעס, געטריקנטע פלוימען איז געקומען פון די דערנעבנדיקע סעדער, פון די גויאישע שטובן שמעקט מיט פּאָווידלע, עפּל קאָמפּאָט, אויסגעמישט מיט ציבעלע־גריישעכץ, און אַ שניי־ווייסער שפּינוועבס האָט זיך געוועבט און געפּלאָנטערט צווישן די פיס, הענט און פּנים. אָט־אָט איצט האָט זיך אים געדאַכט, אַז אָט די שפּינוועבס זיינען אָפּגעריסענע פליגל פון מלאכים, און אָט זיי טאַקע ברענגען אים די שרעק. ער האָט שנעל אַ קוק געגעבן צום פענסטער און דערזען אַז עס שאַריעט שוין דער בין־השמשות, ער האָט אַזש אַ צאַפּל געטון, ער האָט געקילט זיין דערשוויצט פּנים, ער האָט געקוקט ווי אַ צוג־ווינטל מאַכט צאַפּלען די ליכט, און אויך העלפט עס צאַפּלען זיין דערשראָקענע נשמה... ער האָט געקוקט מיט טרויעריקע אויגן אויף די שול־ליכט, זיי האָבן געווייעט, מיט אַ טונקעלן אָראַנזש־פלאַם אַהין און אַהער, און אַ סך ליכט טריפן, מיט חלבנע טרערן אויפן מאַרשער מיט געלן זאַמד, ער האָט אַ שטילן ציטער געגעבן, ס'איז שוין געקומען די צייט פאַר נעילה. ער האָט דערהערט דאָס קול פון שול־חזן: ובכן תן פּחדך... אוי, אוי...

ס'האָט הערשלען אַ שנעלן שווינדל געטון פאַר די אויגן, די אויערן האָבן גערוישט, ס'האָט אים אַ שטאַרקן דריק געגעבן ביים האַרצן, ס'פּנים איז באַגאָסן



געוואָרן מיט אַ קאַלטן שווייס, ס'מויל איז געוואָרן מער פאַרטריקנט, ער האָט געקוקט אויפן באַלקן פון דער שול, ווי שאָטנס פון די פלאַמענדיקע ליכט ווייען אַראָפּ און אַרויף ווי וועקנדיקע נשמות, ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, די קעל האָט אים געדריקט און געשטיקט ביים גאָרגל, דער אָטעם האָט זיך אים פאַרהאַלטן, דער גאַנצער קערפּער האָט מוראדיק געציטערט, און דער ברייטער ברוסט־קאַסטן האָט אַ האַסטיקן אָטעם געגעבן, מיט אַן אינערלעכן „אוי גאָט!" ער האָט זיך שנעל אויפגעכאַפּט, געוואָרן וואַך, דערזען ווי איינס פון זיינע ליכט איז פאַרלאָשן געוואָרן, און ס'צווייטע ליכט ברענט און ווייעט מיט אַ רויטן, אויסטערלישן פלאַם.

ווי אַ צעפּלאָשעטער רויב־פויגל האָט ער זיך אַ ריס געגעבן פון זיין אָרט, געלאָפן גלייך צום ארון קודש, אים אויפגעעפנט, אַ קוויטש געטון, ווי נישט מיט זיין קול, „שמע ישראל, זיי מוחל רבונו של עולם... אוי, אוי, שוין שוין... ער איז באַלד אַוועקגעפאַלן מיטן פאַרדעקטן טלית איבערן קאָפּ, אין זיין רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן דעם מחזור, און זיינע דריי פינגער האָבן געשטעקט אין מחזור, ביי נעילה: „אתה נותן יד לפושעים"...

דער לאָמער שמש, יוסל שפּאַניע־מאַכער, האָט זיך שטיל געשאַרט צווישן דערשראָקענעם עולם, אַרויף אויפן בעלעמער, אַ שטילן קלאַפּ געגעבן, און קוים שעפּטשנדיק אויסגערופן: „יידן, ס'איז דאָ אַ מת אין שול, דער הימל האָט אים נישט מוחל געווען... פאַרמאַכט'ס דעם ארון־קודש, ס'איז שוין נאָך נעילה".

אַ שטילקייט איז אַדורך אין שול, אַ צוג־ווינט האָט זיך פאַרגרעסערט, און די ליכט־פלאַמען האָבן זיך שטאַרקער און שטאַרקער געוואַקלט מיט אַ שוואַרץ־רויטן פלאַם, און ליכט־שאָטנס אויפן באַלקן האָבן זיך פאַרגרעסערט, פון די צאַנקנדיקע אויסגייענדיקע יום כפּור ליכט. אַ שטיל מורמלען האָט זיך געהערט צווישן דעם אַהיימגייענדיקן עולם.

שמואל ווהייט

## יום כפּור ליכט

אָנגעטון אין ווייסן אַטלאַס קלייד,
מיט ברוסט און שטערן טיכעלעך,
מיט דימאַנט און פּערל אויסגענייט,

בענטשט די באָבע יום כפּור ליכט,
זי בענטשט מיט הייליקער כונה,
די שכינה רוט אויף איר צאַרט געזיכט.

אב הרחמים, בעט זי, גרויסער גאָט,
האָב רחמנות אויף דיין געפּלאָגט פאָלק,
וואָס גייען אויס מיט שמע און אחד.

געמוטשעט ווערן זיי — פאַרברענט,
האָב רחמנות אויף די עופהלעך,
וואָס ווערן אָן רחמנות פאַרלענדט.

רחמים בעט זי פאַר די פאַרבליבענע,
די שארית־הפליטה, די אין אונזער
אבות־לאַנד צוזאַמענגעקליבענע.

ס'בעט די באָבע מיט שלוכץ און טרערן
זי בעט מיט אַזאַ שטילער כונה,
מ'קאָן קוים די ווערטער דערהערן.

גאָט פון רחמים, פאַרנעם איר תפילה,
באַוויליק איר געבעט, הייל דעם צער,
כ'בעט, שטיל אין איר געוויין דאָס
שטילע.

## א. מייזעלס

# מנחם מענדל פון לאנדאן צו זיין ווייב שיינה שיינדל אין תל אביב

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדל שתחי׳.

ראשית באתי להודיעך, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם־יתברך זאָל העלפן, מען זאָל תמיד הערכן איינס פונם אַנדערן נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אמן.

והשנית זיי וויסן, אַז איך בין שוין אויס מיניסטער. ווי זאָגט די מאַמע דיינע זאָל געזונט זיין, „אויס כלה ווידער מויד״. אָט אַזאַ מין „דזשאָב״ איז לגמרי ניט פאַר מיר. מען מוז זיין אַ נכנע צום פּרעזידענט, וויים־פּרעזידענט און „טרעזשינדער״ און חוץ אַלעמען, האָב איך זיך מיט זיי ניט געקאָנט אויסריידן. איך יידיש — זיי ענגליש און בהן שלי זיי האָבן גאַנץ גוט פאַרשטאַנען מיין יידיש. אָבער כ׳האָב פון זיי ניט מער געהערט ווי „נאָו דזשואיש״, עס איז אָט אפנים אַזאַ מכת מדינה, און גלויב מיר, זוגתי היקרה, אַז איך האָב גענוג זיך געישובט מיט דער דעה צי זאָל איך ווערן אויס מיניסטער, ווי זאָגט די שוויגער זאָל לעבן, „גיס ניט אַרויס דאָסאומריינע ביז דו האָסט ניט קיין ריינס״, נאָר גלויב מיר, אַז אַן אַנדערער אויף מיין פּלאַץ, וואָלט שוין לאַנג אַנטלאָפן ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט. שטעל דיר פאָר, אַז דעם ערשטן טאָג ראש השנה, וועלכער איז היינטיקס יאָר אויסגעפאַלן שבת, פאַרבעט מיך דער פּרעזידענט אויף קידוש. דאַכט זיך פיין, האַ? קום אַריין אין הויז אַריין און טו אַ קוק, איז מיר פינסטער געוואָרן פאַר די אויגן. וואָס ס׳איז געווען פרעגסטו? די מרס. פּרעזידענטיכע איז געשטאַנען ביים אויוון און געקאָכט. טו איך אים אַ זאָג סטייטש מר. פּרעזידענט, אַזעלכע פאַרכטיקע טעג, וואָס אַ פיש אין וואַסער ציטערט, לסוף קאָכט איר גאָר? זאָגט ער „סאָ וואַט? איך האָב געמאַכט אַן עירוב־תשלומין... מעג מען קאָכן״...

מיינסטו דאָך זוגתי היקרה, אַז די אַנדערע זיינען בעסער, האָסטו אַ טעות. אַזוי ווי איך האָב געזען, אַז ערב יום כפור ביי דער קערה איז אין מיין טעלער גאָר ניט געפאַלן, האָב איך דעם ערשטן טאָג חול המועד גענומען מיין „אַמברעלאַ״ און אָנגעהויבן צו גיין אין די הייזער פון מיינע בעלי בתים פון דער „אַמאַלגעמייטעד סינאַגאָגוא״, נאָר לאָז מיר דיר דערקלערן וואָס דאָס מיינט „אַמאַלגעמייטעד״. למשל אין איין גאַס איז דאָ אַ שול וואָס קיינער שמעקט ניט אַריין און אַ צוויי גאַסן ווייטער איז ווידער דאָ אַ שול וואָס קיינער שמעקט ניט אַריין, לייגן זיך ביידע שולן צונויף און ווערן אַן „אַמאַלגעמייטעד״... און די שול איז ווידער ליידיק.

הקיצור, איך בין אַריינגעקומען צו אונזער „טרעזשידער״ און פרעג אים זאָגט מיר נאָר פאַניע קטנתי, פאַרוואָס זייט איר נעכטן ניט געווען ביים דאַווענען? זאָגט ער מיר, אַז זינט ס׳איז אויפגעקומען מדינת ישראל, האַלט ער ניט דעם צווייטן טאָג יום טוב. האָט דאָס מיך אָנגענומען ביי דער זיבעטער ריפּ, אַ צדיק אין פעלץ. טו איך אים אַ זאָג, אם כן, פאַרוואָס־זשע האָט איר געהאַלטן דעם



ערשטן טאָג אייער שאָפ אָפן? זאָגט ער: אַ ייד אַ חכם, איך האַלט אָפן ראש־השנה, וועל איך פאַרמאַכן סוכות?

הערסטו זוגתי היקרה, וואָלט איך געהאַט אויף הוצאות, וואָלט איך צווישן מנחה־מעריב אַנטלאָפן פון דער שיינער מדינה, כאָטש צוריק־געשמועסט זאָל אונז אַזאַ יאָר זיין וואָס פאַר אַ שטאָט דאָס איז. איך בין דאָך שוין עפּעס אויס געווען אַ וועלט, איז ווילסטו איז אָדעס, יעהופּעץ, קישעניוו און טאַקע מיט כתרילעווקע אַליין איז זיך אויך נישט צו וואַרפן. פאַרוואָס־זשע זאָל מיר אַזאַ שטאָט זיין נמאס? בלתי פאַר איין זאַך האָב איך די היגע יידן פיינט שנאת המן, דער לשון! וואָס וואָלט דאָס זיי געאַרט, אַז זיי זאָלן ריידן ווי מענטשן? יידיש? וואָס דאַרפסטו מער, היינטיקן יום כפור נאָך כל נדרי, ווען אַ ייד צעוואַרעמט זיך און אָט־אָט האָט ער שוין דעם „סלחתי כדבריך״, ווערט פלוצים אַ שטילשווייגניש און אונזער רב, אַ טייערער ייד, אַ „יודע נגן״, האָט דעם אמתן קאָפּ, טראָגט אַ באָרד און דווקא קליינע פּאהלעך, אַז מען שמועסט אַ חריף איז דאָך אָפּגערעדט, וואָס איז שייך, אַז ער געפעלט מיר און בהן שלי ער וואָלט געקענט זיין רב אפילו ביי אונז אין כתרילעווקע... שטעלט זיך דער רב אַוועק פאַר „ברכו״ און האַלט אַ מוסר־דרשה — אויף ענגליש און ענגליש האָט ער גערעדט, ווי אַ האַק שווימט. זעסטו דאָס האָט מיך שוין אינגאַנצן פריטשמעליעט.

פונדעסטוועגן, זוגתי היקרה, זאָלסטו כלל נישט זאָרגן. דאָ איז לאָנדאָן און נישט כתרילעווקע, דאָ זיינען דאָ טויזנטער געשעפטן, וואָס אַזאַ מענטש ווי איך מנחם מענדל, דאַרף נאָר כאַפּן דעם שניט, קאָן ער באַגליקט ווערן, אין לאָנדאָן למשל קאָן מען כאַפּן 75 טויזנט אַזוי גרינג ווי אָפּזאָגן „אשרי״, איך האָב אויף דעם דאָזיקן געשעפט געוואָרפן אַן אויג, איך וויל אָבער קודם דערגיין דעם שכל דערפון. אָבער ביז וואָס, ווער, ווען, בין איך זיך היינטיקע וואָך דורכגעפאָרן צו דער גרויסער „בערזע״ כאַפּן אַ שמעק, אפשר? אַ קשיה אויף אַ מעשה, אפשר וועט מיר השם־יתברך העלפן צוריק באַקומען דעם נדן וועלכן איך האָב אַמאָל פאַרלוירן אויף דער אָדעסער בערזע אין די פּאַפּירלעך „לאָנדאָן״?

הקיצור, איך האָב זיך אַרויפגעזעצט אויף אַ באַס, גאַנץ פון אויבן, ווייל דאָ מוזטו וויסן זיינען די אויטאָבוסן איינער אויפן צווייטן, אַזוי ווי בערל דעם פעטער מנשה׳ס הויז אין כתרילעווקע, עס איז ממש אַ גן־עדן, דו זיצסט דיר אויף אַ ווייכן זיץ, איבערגעצויגן מיט פּליוש און פאָרסט ווי מיט זעקס פערד „באַ־שפּיץ״, אוי, הלוואי האָב איך דיך דאָ, זאָלסט דיך דורכפאָרן מיט אַזאַ באַס, זאָלסט אויך וויסן וואָס ס׳הייסט געלעבט...

צוקומענדיק צו דער בערזע — דאָ הייסט די בערזע אַן אַנדערן נאָמען, וועלכן איך קען נישט נאָכזאָגן — האָב איך זיך פאַוואָלינקע צוגערוקט נענטער און נענטער, זיך גוט אַרומגעקוקט פון אַלע זייטן, אַז דער גאָרדאָוואָי (דאָ הייסט ער פּאָליסמאַן) זאָל מיך נישט נעמען יאָגן ווי אַמאָל אין אָדעס און דאָס אומגליק איז וואָס די פּאָליציע דאָ, איז „נקי־כפּימניקעס״, אָבער איך האָב זיך אומזיסט געשראָקן, ווי זאָגט דיין מאַמע זאָל לעבן, „שרעק מיך נאָר שטראָף מיך נישט״. דער גאָרדאָוואָי איז געשטאַנען אַ תחום שבת ווייטער און געמאַכט מיט די הענט

און די אויטאָמאָבילן זיינען געגאַנגען „ישר והפוך“, איך זאָג דיר זוגתי היקרה, אַז בלויז פון צוקוקן, קאָן מען ווערן ברייטער ווי לענגער, מען זעט בחוש, אַז דאָ אַרבעט שכל...

הקיצור, איך האָב זיך אַזוי פאַמעלעך געשאַרט ביי דער וואַנט, ביז איך האָב זיך געפונען „בחצר המלך“, אין דער בערזע ממש. וואָס זאָל איך דיר זאָגן, מיר דוכט זיך, אַז גאַנץ אָדעס, יעהופּעץ, כתרילעווקע און נאָך אַ שמיץ אַריבער, וואָלטן געקאָנט אַריין אין דער היגער בערזע. איך האָב נישט געוווסט אויף וועלכן חידוש פריער צו קוקן, היינט זאָלסטו זען לאָמפּן, לאָמפּן, אַ פולע סטעליע מיט לאָמפּן און זייער גרויס איז נישט אָפּצומאָלן, ווען איך פאַרמאָג בלויז די טשוועקעס אויף וואָס זיי הענגען, וואָלט איך געהאַט אויסגעזאָרגט... בלתי, איין זאַך איז מיר נישט געפעלן, שטיל ווי אויף אַ בית־עולם ר״ל, נישטאָ דער אימפּעט, דאָס פייער פון אַ יעהופּעצער בערזע, מילא פון „אין טאַטנס טאַטן, פייגן און פעטש“ איז דאָך אָפּגערעדט. עפּעס האָבן זיי אַזאַ קאַלטקייט השם ישמרנו. קאַלטע לונג און לעבער, עס אַרט זיי גאָרנישט, נאָר איין מעלה האָבן זיי יאָ, אַ וואָרט איז אַ וואָרט, דאָ הייסט מען זיך נישט רופן „קנאַק־ניסל“, דאָ איז ויאמר געזאָגט און וידבר גערעדט.

לכן זוגתי היקרה שרייב איך דיר, אַז איך האָב באַשלאָסן צו ווערן אַ מעקלער ביי דער היגער בערזע. איך האָב זיך גוט אַרומגעקוקט און האָב נישט געזען קיין איין מעקלער אפילו אויף אַ רפואה, אַזוי אַז איך וועל זיין איינער אויפן יאַריד, דו שטעלסט דיר פאָר מיינע געשעפטן אי״ה? אויב שוין האַנדלען איז גרויס, ווי זאָגט דיין מאַמע „מען האַנדלט מיט אַ נאָדל — האָט מען אַ נאָדל“. דער עיקר מוז איך קויפן אַ לעדערנעם פאָרטפעל, אַן „אַמברעלא“ האָב איך שוין, ווייל אָן אַן „אַמברעלא“ איז מען נישט קיין ענגלענדער. דערפאַר זאָלסטו גאָר נישט איבערקלערן און זיך נישט נעמען צום האַרץ און וואָס דו שרייבסט מיר, אַז אונזער עלטערער זון דאַרף זיך שטעלן צום פריזיור, איז מיין עצה, אַז ראשית זאָל ער זיך „פלאַגן“, והשנית אפשר וואָלט ער זיך געמאַכט עפּעס אַ שטיקל פעלער, למשל אַן „אויער“ וכדומה, והשלישית דערוויס זיך צי דער דאָקטאָר איז אַ ייד און צי ער „נעמט“... זאָלסט למען השם אַלץ טון, אים אַרויסצונעמען פון גויעשע הענט...

זוגתי היקרה, איך מוז היינט מקצר זיין מחמת איך האָב נאָך פיל צו טון. איך מוז נאָך גיין איינקאַסירן עטלעכע נדרים פון די ימים טובים, ווי זאָגט דיין מאַמע זאָל לעבן „ימים טובים גייען אַוועק — און בעל הבית בלייבט בעל הבית“. אם ירצה השם, אינם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אַרויסשרייבן אַלצדינג באריכות. לעת עתה זאָל גאָט געבן מיט געזונט און מיט הצלחה. גריס איטלעכן באַזונדער גאָר פריינטלעך.

ממני בעלך מנחם מענדל.

עיקר שכחתי. דו שרייבסט מיר, אַז דיין מאַמע איז געוואָרן אַ „נעטיריי קאַרטיטשקע“ (נתורי קרתא) און פאָרט אויף יעדן שבת אַריין קיין ירושלים, זיך צו שלאָגן מיט די מחללי שבתניקעס, וועלכע פאָרן אין די אויטאָס איבער די



ירושלימער גאַסן און, און, אַז דער עיקר איז וואָס זיי צולייגן זיך אין מיטן גאַס, כדי נישט צו לאָזן זיי אַדורכפאָרן. פרעג איך דיך, וואָס עפּעס דאַרף זי פאָרן קיין ירושלים זיך לייגן אין מיטן גאַס? קאָן זי נישט דאָס נעמלעכע טון אין תל־אביב? וואָס־זשע תל־אביב איז נישט חלילה קיין יידישע שטאָט? און סתם וואָס איז דאָס עפּעס ליגן אין מיטן גאַס? מילא איצט איז זומער־לעב, וואָס וועט אָבער זיין ווינטער בימי הגשמים? אַז אָסור מיר, אויב איך קאָן משיג זיין דעם גאַנצן ענין. הנ״ל.

## עללא זילבערג

### הערבסט שטימונג

עפּעס ווילט זיך היינט מיר וויינען,
איך געפין מיר נישט קיין אָרט.
עפּעס ווילט זיך לויפן זוכן,
הערן כאָטש איין ליבן וואָרט.

דרויסן יאָגט דער ווינט די בלעטער
טאַנצט מיט זיי אַ געלן טאַנץ,
בוימער שאָקלען זיך פאַרצאָגטע
באַרויבט פון זייער גרינעם גלאַנץ.

און דער הימל אַ פאַרגראָטער,
גיסט אַרויס זיין כעס מיט מאַכט,
מעלקט דער רעגן זיך אַרונטער,
אָן אַן ענד ביי טאָג און נאַכט.

און די בילדער פון די ראַמען,
קוקן אומעטיקער היינט,
און די טענער פון פּיאַנאָ,
קלינגען עפּעס ווי פאַרוויינט.

דוכט זיך אַז די וועלט גייט אונטער,
כ׳וועל קיינמאָל מער גליקלעך זיין,
שפּאַלט אַ וואָלקן זיך פונאַנדער,
און אַרויס קומט זונענשיין!

## שמואל וואַהייט

### הערבסט בלעטער

אין הערבסטיקן זונליכט,
שפּיגלען לעצטע שטראַלן,
אויף בלעטער ברוינלעך־רויטע —
האַלב פאַרטריקנטע — טויטע.
פאַלן זיי אַזוי מיד,
רוישן אַ טרויער ליד:
„מיר האָבן געגרינט,
געוואַקסן און פאַרבליט,
דראָבנער רעגן ווי טרערן,
באַוויינען דאָס צושטערן“.

און דער ווינט זיפצט מיט ווייי
אוי! אַלעס איז שוין פאַרביי.

**אונזער טיפן מיטלייד** צו פרוי אסתר בעקערמאַן און אירע טעכטער הילדע און פאולין, צום טויט פון איר ליבע טאָכטער און זייערע טייערע שוועסטער, די שרייבערין, **ביטריס בעקערמאַן**. זאָלן זיי געפינען טרייסט אין גוטן נאָמען וואָס זי האָט איבערגעלאָזן, און אין אירע געשריבענע און געדרוקטע ווערק.

לשון און לעבן און פריינט פון יידיש לשון.

רחל מירסקי

# דער קרייז אין גאָרטן

זיי זעצן זיך אויס אין אַ קרייז אַזוי, אַז מען זאָל זיך קענען אָנקוקן אײנס דאָס אַנדערע, כדי אויך צו קענען בעסער הערן וואָס מען רעדט. קומט עמיצער אַביסל שפּעטער, מאַכט מען אָרט און דער קרייז ווערט גרעסער.

זיצן אַלע אַזוי פּנים אל פּנים.

מען דערציילט זיך זער פיל פון צייטן לאַנג פאַרגאַנגענע, און אויך פון קעגנוואַרטיקע פּאַסירונגען פון דעם הויז, ווו אַלע שטייען איין צו פאַרבעסערן זייער געזונט.

אין אַ לייכטער פאָרם וואַרפט מען זיך פאַר דאָס שנאָרכן אין דער נאַכט און איבער אַנדערע שטערונגען. קיינער ווערט אָבער נישט אויס פריינט דורך דעם פאַרוואַרפן זיך. ווען מען גייט צום נעכסטן מאָלצייט האָט מען שוין אַלץ פאַרגעסן וואָס מען האָט זיך פאָרגעוואָרפן.

אינמיטן פון אָט די אַלע רייד נעמט איינע אַרויס אַ פּעקל פאָטאָגראַפּיעס פון איר האַנטבייטל. עס זענען פון קינדער און אייניקלעך. באַלד ווערן אַלע פאַראינטערעסירט, און די בילדלעך גייען פון האַנט צו האַנט.

אַז מען קוקט זיך דעמאָלט צו צו די פּנימער, זעט מען ווי די פרייד שיינט אַרויס פון זייערע אויגן. עס זענען די פריידיקסטע מאָמענטן ביי די פרויען. אַ סך אַנדערע נעמען אויך באַלד זיך באַווייזן מיט זייערע פאַמיליען־פאָטאָגראַפּיעס.

פּנימער ווערן יונג, די אויגן שיינען מיט אינערלעכער פרייד, זייענדיק שטאָלץ מיט די פאַמיליעס, וואָס זיי האָבן דערצויגן.

פּלוצלינג גיט איינער אַ זיפץ און זאָגט :

— אַלץ, מיינע פריינט, איז נאָר הבל־הבלים ! ווי לאַנג איז עס ווען מיר אַלע זענען געווען יונג ? און איצט, וואָס איז איצט ?

ווי דורך אַ כישוף איז די שטימונג איבערגעריסן. מען הייבט אָן זיך צו דערמאָנען וואָס עס איז געווען אַמאָל און וואָס עס איז היינט.

די ערשטע הייבט אָן די פרוי, וואָס האָט אַמאָל געהאַנדלט מיט מילכיקס : פּוטער, קעז און אייער און דעסגלייכן. דאָס איז געווען מיט אַ סך יאָרן צוריק. איבער איר פּנים איז צעלייגט אַ גוטסקייט, פון איר אַמאָליקן פעטן גוידער איז איצט געבליבן אַ דין גוידערל, וואָס הענגט אין דער לענג און נישט אין דער ברייט. עס זעט אויס ווי אַ דין זעקעלע מיט אַ ביסעלע קעז. דאָס זעקעלע שאָקלט זיך מיט ווען זי דרייט מיטן קאָפּ. עס שאָקלט זיך אַהין און צוריק.

— כ׳האָב דערצויגן מיינע קינדער שיין און געזונט. עס גייט זיי אַלע, אָן אַן עין־הרע, גוט. אַלע האָבן געשעפטן פון מילכיקס. איך האָב שוין אור־אייניקלעך, — רופט זי אויס, —האָב נחת פון זיי אַלע.

אין איר טאָן הערט זיך אָבער, אומדערוואַרט, ווי אַ פאָרוואורף. און טאַקע באַלד זאָגט זי :

— וואָס קומט מיר אויס ? איך בין אַליין . . . כ׳בין געבליבן אין דער



איסט־ענד, ווין צוזאַמען מיט אַ פרוי, אַזוי ווי איך ; אויך אַן אלמנה. כ׳זע נישט די קינדער וואָכנלאַנג. וועגן די אייניקלעך איז דאָך אודאי נישט צו ריידן. עס פעלט מיר גאָרנישט, נאָר דאָס האַרץ קלעמט ! פאַר דער אַלטער מאַמע איז ביי קיינעם נישטאָ קיין אָרט . . .

זי דרייט מיטן קאָפּ, און דאָס גוידערל שאָקלט זיך מיט.

דאָס באַקלאָגן זיך ווערט אונטערגעכאַפּט פון אַ צווייטער פרוי, וואָס איז אַביסל יונגער פון איר. די איז זער מאָגער, מיט אַ לאַנג פּנים, וואָס ענדיקט זיך מיט אַ שפּיציקע גאָמבע. די נאָז איז איר לאַנג, און זי האָט אויך לאַנגע הענט און פיס.

— מיינע ליבע קינדער, — זאָגט זי, — זען, אַז עס זאָל מיר גאָרנישט פעלן. איך האָב פון אַלעם גוטן ; אויף אַלע מיינע גוטע פריינט נישט ערגער !

אָבער עס איז דאָס זעלבע לידל.

— אַליין ! — רופט זי אויס. — מיין זון און שנור האָבן געזאָלט די וואָך קומען מיך זען, אָבער זיי זענען נישט געקומען. היינט האָב איך דערהאַלטן אַ קאַרטל, אַז זיי זענען געווען גרייט צום פאָרן, נאָר עפּעס איז קאַליע געוואָרן אין דער קאַר און זיי האָבן נישט געקענט קומען.

זי קוקט אָן די פּנימער אַרום, ווי זי וואָלט געוואַרט אויף אַן ענטפער אויף דער פראַגע, וואָס זי אַליין שטעלט טאַקע באַלד.

— נו, איז די קאַר צעבראָכן ? זענען דען נישטאָ קיין באַנען, כדי צו קומען זען די אַלטע מאַמע ?

זי בלייבט זיצן שטיל, מיט אַ טרויעריקן בליק אין די אויגן.

די פרוי, מיט די צעדרייטע הענט פון רעוומאַטיזם, איז הויך און דיק. אַז זי עפנט אַ טיר אַריינצוקומען, אין אַ צימער, דערזעט מען תמיד צום ערשט איר בוזעם מיטן בויך. דערנאָך זעט מען ערשט דאָס פּנים. זי איז אין די זעכציקער, האָט נישט קיין קינדער.

— מילא, מיר נישט באַשערט געווען דער נחת. און אפשר איז בעסער אַזוי ? — זאָגט זי. מיין מאַן איז געווען אַ קראַנקער מענטש. איך האָב מיין גאַנץ לעבן געאַרבעט, נישט געהאַט קיין גוטן טאָג ; האָב מיך תמיד געפּלאָגט. כ׳וועל זאָגן דעם אמת, אויב עס וואָלט זיך געמאַכט אַ לייטישער שידוך, וואָלט דער מאַן געמוזט זיין רייך און האָבן אַ קאַר. און אויב נישט, וועל איך שוין אָפּלעבן מיינע יאָרן אַזוי . . .

מיט אירע זעכציק יאָר און אויסגעדרייטע הענט חלומט זי נאָך וועגן אַ רייכן מאַן מיט אַ קאַר ! מסתמא ס׳גאַנצע לעבן אירס כסדר געהאָפט אויף עפּעס אַ נס.

אין דעם קרייז זיצט אַ פרוי פון דייטשלאַנד : דורך היטלערן פאַרטריבן געוואָרן פון איר היים. זי זיצט מיט אַ שמייכל אויף איר פעטלעך פּנים. דער שמייכל איז ציניש, עס געפעלט איר גאָרנישט ; אַפילו קיינער פון די אַלע, צווישן וועמען זי זיצט אויך.

ווייל איך האָב איר געענטפערט אייניקע ווערטער אין מיין יידישן דייטש,

האָט זי מיך באַערט מיט פריינטלעכקייט, אַראָפּרעדנדיק זיך פון האַרצן, ווי שלעכט עס איז ווען מען מוז זיין צוזאַמען מיט „לויטע וואָס פאַרשטייען גאָר ניכטס“. וויל נאָך אַלעם באַווייזן, אַז די דייטשן זענען דאָס העררן־פאָלק און אַלע דאַרפן זיין גרייט צו זייער דינסט.

צום סוף האָב איך זי אויסגעמיטן. כ׳האָב נישט געוואָלט זיין קיין אויסנאַם.

אַ ליבער מענטש איז די אַמאָליקע פיש־הענדלערין. אין דער יוגנט געמוזט זיין אַ רויע שיינהייט, האָט זיכער געברענט אַ וועלט. עס איז נאָך איצט דאָ אויף איר פּנים סמנים פון איר יוגנט. האָט אַ קאָפּ געדיכטע גרויע האָר, איר קערפּער האָט נאָך אַ סך פרישקייט. זי איז איבער זיבעציק, נאָר רעדט מיט קלאָרקייט און פאַרשטאַנד; אַ מענטש מיט שכל. ווען זי רעדט פון איר לעבן, נעמט אַלע־מען אַרום אַ גרויס רחמנות. נישט לאַנג צוריק האָט זי פאַרלוירן דעם מאַן.

— בין געבליבן אַליין. איך האָב קינדער, נאָר זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, וואָס קומט מיר אַרויס? מיינע פייגעלעך זענען זיך צעפלויגן. יעדעס איינע פון זיי איז אין אַן אַנדער לאַנד. כ׳וועל קיינס פון זיי שוין נישט זען! כ׳פריי מיך, אַז עס גייט זיי גוט. כ׳קריג אַ בריוו אַמאָל פון אַ קינד און אַמאָל פון אַ אייניקל אַ פאָטאָגראַפיע פון אייניקלעך, אויך עפּעס געלט. דאָס מאַכט מיך אָבער נאָך מער עלנט . . .

זי ווייזט מיט דער האַנט צום האַרצן.

— אָט אָ דאָ נאָגט און בענקט נאָך די קינדער, וואָס זענען אַוועק.

בין דאָ געבליבן ווי אַ שטיין אַליין. מיינע שוואַלבן זענען אַוועק, און די נעסט איז ליידיק.

מאַנכע האָבן טרערן אין די אויגן, ווען זי רעדט פון אירע שוואַלבן.

אין דעם קרייז זיצט אויך אַ מאַן, וואָס איז גערן צו זיצן צווישן פרויען. ער רעדט זעלטן. אויב יאָ, וואַרפט ער אַריין בלויז אַ וואָרט, ווי עס פּאַסט זיך פונקט אַריין ווען ווייבער רעדן.

ער איז אין די פופציקער. איז קראַנק און טאָר נישט אַרבעטן מער.

אין איין נאָכמיטאָג האָב איך אין גאָרטן אויסגעהערט זיין געשיכטע.

ער וווינט און לעבט אַליין. זיין ווייב האָט אים פאַרלאָזן, אויך דאָס איינציקע קינד ביי אים צוגענומען, און עס דערצויגן קעגן אים. איצט, אויב ער וויל לעבן, טאָר ער נישט מער אַרבעטן.

— כ׳ווייס נישט וואָס עס וועט פון מיר איצט ווערן? — רעדט ער מיט שרעק. — בין געלעגן איניקע וואָכן אין שפּיטאָל, איצט בין איך דאָ. מען האָט אויף מיר אַכטונג געגעבן, מיך אָפּגעהיטן, אַז כ׳זאָל געזונט ווערן; זאָל קענען אַרומגיין, נישט דאַרפן ליגן אין בעט. וואָס וועט איצט זיין? אין איניקע טעג אַרום וועל איך פונדאַנען אַהיימפאָרן. .

ווען ער רעדט, קוקט פון זיינע אויגן אַרויס אַ טיפער אומעט, געמישט מיט שרעק . . .

---



### א. נ. שטענצל

## די באַלאַדע פונם קאַפע־זיצער

אַלץ אַרום עפּעס אַזוי אויסטערליש פרעמד,
ווי אין ערשטן טאָג ווען געקומען דאָ אַהער;
מיטן לעבן גיט מען זיך שוין אַן עצה,
אָבער מיט שטאַרבן פאַלט עס אַ ביסעלע שווער —

אַ פעל־טריט וואָס נישט צו ענדערן ס׳איז מער!
איין אייגל קוקט קלוג, לאַכעדיק צעוויצלט,
און פון צווייטן קייקלט שווער זיך אַ טריבע טרער:

„אַליין איז אַ שטיין!“ צומאָל דער טויט איז פרעמד,
אָן אַ הויזגעזינד אַן אַלטער מאַן וואָסער ווערט?
אַז צו וועם און ווו און נאָך וואָס גיין אַהיים?
ערשט נאָך מינדער, אַז קיינעם צומאָל אין דער ערד;

ס׳איז דער טויט אַ זאָמען וואָס פרעסט אויף און פאַרצערט
און וואַקסט אין האַרץ אַריין! ער קוקט זיך אַרום,
און זע, ס׳צווייטע, לאַכעדיקע, ווערט אויך פאַרטרערט.

ער וואַרעמט די דלאָניעס אין טיי־טעפּעלע,
שוידערנדיק פלאָשן זיך דינע גרויע האָר,
פון אונטער געדיכטע ברעמען די אויגן
קוקן אַרויס געשאָכטענע טויבן אַ פאָר —

ווי אויף אַ געפּודערטע גאָסן־פרוי גאָר,
וואַרטן ביי אַ קאַפע־טישל אויפן טויט!
מיאוס און מאוס עס ווערט אויף די אַלטע פאָר יאָר.

טאַפּנדיק בלאָנזשעט דער בליק ביי קאַלטע ווענט,
ער קלעפּט זיך שוין צו קיינעם און צו גאָרנישט מער צו,
ווען ראַפּטים אין שפּיגל דעם צווייטן ער דערזעט,
וווּנדערט ער זיך: ווי אַזוי, פון וואַנען , ווען, ווו?

אפשר פון טישל אַרויסגעוואַקסן דאָ?
אַ פיל שווער אַראָפּצושלינגען — וואָרט אין מויל,
אַז קיין אייגענעם און צו יעדן שוין מ׳זאָגט דו.

אפשר מיטברענגען אַ טעפּעלע קאַווע?
שטייט ער ווי אַ יונגערמאַנטשיק פון טישל אויף,
ער וואָלט געמאַכט „דעם האָף“ אַ פרעמדער דאַמע
און דאָס טעפּעלע קאַווע איז שוין דער נאַדרויף.

אַזוי אייגן נאָנט „הנה מה נעים מה טוב“ — —
צו אַ ליידיק פאַרשנייטן סאָסנע בוים נעסט
פלאַטערן מיד צווי אויגן צו זיינע אַרויף.

## ביים טישל (באַלאַדע)

פונם „ראַטנהויז“, פונם „סאלווישן“,
פון אַ שטיבל ווו דאָ, שטוביק פאַרוואַנצטן?
עס צאַפּלען אותיות צווישן די שורות,
אויף זיין שטערן אַ צעקנייטשטן צעגלאַנצטן.

אויסגעדרייט פאַרקרומט קוקן צוויי ליפּן,
מיט פינסטערניש גיסן אָפּ זיינע אויגן,
צומאָל אַ פרעמדער, אַריינגעקומענער,
מאַכט אַרום זיין טישל אַ ווייטן בויגן.

ער טראַכט, דערמאָנט זיך, אַלע פון דער היים,
אויסגעזעצטע קייגנאיבער אים זיצן,
מען מיינט ער רעדט צו זיך — עס איז צו זיי,
מיט אַמאָל ווי זיינע אויגן צעבליצן:

מיטן טלית־זאַק אונטערן אָרעם,
אַהיים פון דאַווענען קומט דער טאַטע,
בנעימותדיק שטיל די הענט ער וואַשט זיך!
פון זיין מוציא ער הערט דעם „ברוך אתה“ —

ווי זינגענדיק־ניגונדיק יעדעס וואָרט — —
און נישט בלויז דאָס קול ער הערט אַזוי דייטלעך,
די פאַרברוינטע קנאַקעדיקע קייזערקעס,
די אויסגעבאַקענע קאָרענע ברייטלעך — —

דער בליק קוקט פאַרגלייזט, די נאָז אָטעמט ברייט,
ווער ווייסט ווי לאַנג ער וואָלט אַזוי געזעסן,
ווען נישט דער „נו, נו, מלח“ — די מאַמע
דאָס זאַלץ אַרויפצושטעלן האָט פאַרגעסן.

ער זוכט מיט די אויגן, דאָס זאַלץ־מעסטל,
אויבן אָן דעם טאַטן עס צו דערלאַנגען,
און זיינע אָנגעצונדענע אויגן,
צוויי יאָרצייט־ליכט — מיט אַמאָל אויסגעגאַנגען —

מיט אייזערנע צוואַנגען האַלט ער זיך אָן,
ווען נישט פאַר אַלע אויגן ר׳ליגט אויסגעצויגן!
ער פילט דעם קאַלטן מאַרמאָר פון טישל
און פון די בליקן — אַרום אים אויסגעבויגן.

צווישן די שורות איצט פון זיין שטערן,
די אותיות — אַלע קאָנען זיי שוין ליינען!
עס ציטערט דער מאַרמאָר אין זיינע הענט,
זיך איינהאַלטנדיק, הויך נישט אויפצווויינען.



## פיש און טשיפּס־סאָנעט

אין גיהנום דער וואָס מישט דאָס סמאָלע פּאַס,
זעט זיכער פון אים פאַרסמאַלעטער נישט אויס;
און דער ריח פון דער אָפענער טיר אַרויס —
פרייטיק פאַרנאַכט אין שטעטל אין שוסטער גאַס.

אָבער דער אונטערשיד ווי געוואַלטיק גרויס!
עפּעס ווי דער שטן געמאַכט וואָלט אַ שפּאַס,
אָדער אויסגעלאָזן ר׳האָט זיין גאַנצן כעס,
צו אַ טייוול — און מאַרש פון גיהנום אַרויס;

שטייט ער דאָ אין פענסטער פרעגלט און בראָט!
נאָר אַ לאַפּעטוט, האָט ער אויף גאָטס באַראָט
שדיכעס אַ פּאָר מיט זיך שנעל מיטגענומען — — —

באָטש קויפן פיש און טשיפּס אין אַ פעט פּאַפּיר,
און זיך דרייען מיט די יינגען דאָ פאַר דער טיר,
איינע אָפּצוואַרטן וואָס וועט אַרויסקומען.

## אויבן ס׳גאַרדין פענסטער

. . . וואַרשטאַט אויף מזרח וואַנט, ווייב ביים אויוון,
וואַרעם ס׳בעט, געדעקטער טיש אין דער מיט,
אַ גאַנג אויף שאַך־ברעט — אין שטוב שטילער שריט.

און אַז צו גאָרנישט מער מ׳קאָן שוין טויגן,
אויפצודרייען דעם גאַז ווערט דאָך נישט שווער,
אַן אלמנה, וועט איר „פענשן“ זיין מער — — —

ווי עס פלאַטערן זיינע נאָז־פליגל,
אין זיין האַרץ אַ פּישטשענדיקס אין אַ נעסט,
ווען געסלעך דאָ מיט זיינע שריט ער מעסט:

איז עס נאָך אַלץ אויבן ס׳גאַרדין־פענסטער,
אָדער די פרוי דאָ אויף אָפענעם ראָג?
ווער ווייסט דעם זיס־ווייאיק, ווונדיקן נאָג — — —

ווי לײדיק ס׳זיינען די געסלעך איצט דאָ!
נאָר אַ האַרץ אויסגעליידיקט אַזוי ווערט,
ווען אייגן פאַרגיין געגענען ס׳דערהערט.

## אין שויפענסטער

אַ שויפענסטער אין אָפענעם ווייטשעפּל,
איז ווי ס׳„צהר“־פענסטערל פון נח־תיבה:
אַ קאָרסעטל, אַ ברוסטהאַלטער, אַ מידער,
פאַרשווימטן אַריינגעקוקט אַ טויט־מידע נקבה,

איר גוג־מגוג צוגעזאָגט איר עפּעס קויפֿן,
אַז געלונגען אים אין די נאַכט ס׳וועט די גנבה.

דרינען נחתדיק חצי־סוחר־חצי־מחבר,
ראַטעוועט זיין נפש אין אַ ראשי־תיבה ;
חוץ אויף עולמית חלשט ער צו לאָזן,
לזכר־עולם אַ ספר — אַ מצבה.
(און מיר, וואָס טון נישט אומשטערבלעך צו בלייבן ?
הייליק ווערן מיר, און טון כל התועבה . . .)

גאָט אויף דיין רעגנדיק צעבויגן וועלטל,
מעגסט זיין אַ געוואַלטיק שטאָלצער בעל גאוה !
אין דיין באוול־געמבול־תבה־מחבל
עס געניגט נישט אַ האַרץ פול בלויז מיט אהבה,
און איך פונם גאַנצן האַרצן, גאָטעניו,
דאַנק דיר, וואָס געבליבן נאָך אַ שטיקעלע בעל תאוה.

## די „בליץ״־חורבות

אַז אַ חורבה, מוז זי דאָך זיין באַוואַקסן מיט גראָז,
אָבער פון ווו ראַפּטים איז עס אַהערגעקומען ?
ס׳האָט ווילדער „בליץ״־שטורעם־פויגל זאָמען אויסגעזייט,
פון שטעכיקע קרייטעכצער, פון פּאָקשיווע־בלומען ;
קלעטערן די קעץ ווי אין אור־וועלדער אַרום,
זייער געמיאוקעץ — לייבן וואָלטן זיך צעברומען !

נישט איינגעפאַלענע קוימענס ליגן צעוואָרפן —
גיפטיקע קאָברעס זיינען אונטער גרעזער פאַראַנען !
אין שרעק פאַרגליווערטע הייבן די קאָטערס די פיס —
פון „בוים״ צו „בוים״ ווילד־שפּרינגענדיקע טיגערס שפּאַנען ;
זייערע אויגן שפּיגלען מיט מיליאָנען דורות — —
אָ, דאָס בלוטיקע, דאָס סליניקע זיך דערמאָנען !

דריי איך מיך אַרום דאָ אַ פאַרוואָגלטער שטאָט־צאַפּ,
וואָס נאָר אַ מום קאָן אים פון זיין פלאָגעניש דערלייזן ;
פון בית־מדרש־דאַך דאָס שטרוי שוין אָפּגעגריזשעט,
איז מיט וואָס קאָן אַ בכור אַ ציגנבאָק זיך שפּייזן ?
וואַרט ער יעדן חודש דעם בלוטיקן מולד אָן,
זיין אָפּגעבראָכענער האָרן זאָל זיך באַווייזן.

## זון־אונטערגאַנג אויף ווייטשעפל

ווען צום נידריקסטן אויף הימל עס גייט די זון,
גייט זי אונטער הפקרדיק אויף ווייטשעפל ;
אויף גלאַט־כשר געשאָכטן, אַרויסגעוואָרפן,
רויט־אויסגעבלוטיקט כפרה־קאַם־קעפל.



זי זעצט זיך וווּנדערלעך — פאַרוווּנדיקט פאַרזינדיקט ! —
אויף אויסגעלייטערטן סוף־אָסיען־רעגן !
פון כוואַליעס־געפלעכט, צעטומלטע, צעקעמטע,
צווישן סקאַלעס אויף שטיל סטעזשקע־שטעגן.

ערב־פרילינג, הויך אַרום ליכט זומער־פייגעלעך —
דער צוויט־ווייסער פלאַטער פון פאָרן טויבן ;
אָסיען, לאָזן זיך ווילד שוואַרצע הינער אַראָפּ,
פון צעבויגענער שיסל זשאַרנעס קלויבן.

## חורבה נאַכט ליד

אָ, דאָס גאָלדענע ציגעלע,
אונטער יאַנקעלעס וויגעלע,
אויף אַלע מיסטן דאָ, אומעטום,
פאַרהונגערט טומלט עס זיך אַרום,
אויסגעדאַרט פאַרשיווע לאָם און קרום.

פונם גאָלדענעם ציגעלע,
אונטער יאַנקעלעס וויגעלע,
נישט אַ צאַפּ — געוואָרן ס׳איז אַ תל !
וואָלט שטיין אים געהרגעט אויף דער שטעל —
איז שחיטה־געלט צומאָל נישט ווערט די פעל !

דאָס גין־גאָלדענע הערנדל,
פאַרטשעפּעט אין אַ שטערנדל,
דער שופר של משיח עס וועט זיין ;
דאָס יללה געוואָיע־געוויין,
ווען ליידיק וויגעלע וויגט זיך אַליין.

דאָס גין־גאָלדענע הערנדל,
פאַרטשעפּעט אין אַ שטערנדל,
אַ שוואַרץ־קודלאַטער הונט פול געביל
פון הימל עס אַראָפּרייסן וויל — —
די שרעק אין האַרץ ווי תפילהדיק שטיל.

## שפּעטע לבנה

אַ פאַרמשפּטער אויפן עלעקטרישן שטול,
אָנגעטון שוין דעם מעשענעם הוט אויף קאָפּ,
אַ פאַרגליווערטע, אין שוואַרצן, זיצט די נאַכט —
נאָר אַ דריק צו טון בלויז דעם עלעקטרישן קנאָפּ !

פינסטער קוקן בליקן פון די אויגן לעכער
און דאָס פּנים ווי אויסגעלאָשן שוין און געל — —
ווי שטיל קיין פינטל נישט מיט אויג קיין שטערן־קנייטש,
וואַרט ער נאָך אויף „באַגנאַדונג״, אויף אַ לעצט באַפעל ?

## „כה יהיה זרעך“

ווי די שטערן אין הימל זענען מיר,
ווי נאָר ליכטיק ס׳ווערט ווערן זיי אויסגעלאָשן;
אַז אָפּגעטוישט דאָס גילדענע רענדל,
רוישט און ראָיעט עס מפּרוטה און מגראָשן.

איך צייל און צייל — אָ אין די מיליאָנען!
אַז אָפּגענומען אַזש עס ווערט דאָס לשון,
און בלייב זיצן בעטנדיק — אַ בעטלער
אין אויסגעשטרעקטער האַנט לעשט זיך לעצטער גראָשן.

## „שומר מה מליל“

אַז די וואָרצלען זיינען אונטערגעהאַקט
פאַלן דאָך אום די וואַקסנדיקע בוימער
ערשט אויסגעוואָרצלטער מענטש — קל־וחומר!
„שומר מה מלילה, שומר מה מליל“ — —

„החיים והמות ביד הלשון“,
אָבער אַז ס׳איז מער נישטאָ דער ויאמר,
איז ווי אַזוי דער ווייטער, דער וגומר?
„שומר מה מלילה, שומר מה מליל“ — —

מיט וויגן־ניגון, קנייטשן־פּאַרטייטשן,
האָט דער „פּה נטמן“ אפילו אַ כלומר,
וואַקסן אויף בית־חיים נאָך פרישע בוימער!
„שומר מה מלילה, שומר מה מליל“ — —

אויף בית־הקברות אונטער מצבות
ווערעמדיקע, פון די טאַטעס דער חומר,
און די קינדער — „מה נדבר מה נאמר“?
„שומר מה מלילה, שומר מה מליל“ — —

---

**אהרן ר. ראַלין**

## 300 יאָר ייִדן אין ענגלאַנד אַריינפיר

מיט 300 יאָר צוריק, אין אָקטאָבער 1655, איז אין לאָנדאָן אָנגעקומען אַ דעלעגאַציע פון פראָמינענטע יידן צו אַפּעלירן צום דאַמאָלטדיקן הערשער פון ענגלאַנד, אָליווער קראָמוועל, אַז מען זאָל יידן דערלויבן צוריק צו באַזעצן זיך אין דעם לאַנד.

דער פירער פון דער דעלעגאַציע איז געווען דער באַרימטער רב פון אַמסטערדאַם, מנשה בן ישראל, וועלכער האָט שוין פריער זיך קאָרעספּאָנדירט וועגן דעם מיט אָליווער קראָמוועל און באַקומען פון אים די איינלאַדונג צו ברענגען זיין דעלעגאַציע נאָך לאָנדאָן.

פאַר 365 יאָר, זינט יידן זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון ענגלאַנד (אין



1290) זיינען דאָ מיט קליינע אויסנאַמען געקומען בלויז געהיימע יידן (אנוסים, מאַראַנען), מערסטענטייל רייכע שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע סוחרים וועלכע האָבן זיך פאַרשטעלט אַלס פרומע קאַטאָליקן. מנשה בן ישראל האָט אַפּעלירט צו אָליווער קראָמוועל אַז מען זאָל יידן אָפיציעל דערלויבן צו באַזעצן זיך אין ענגלאַנד אַלס פרייע בירגער און אָנצופירן פריי זייער רעליגיעזן און קהלשן לעבן. די צייט האָט אויסגעזען צו זיין אַ גינסטיקע, ווייל ס׳איז געווען נאָך דער רעפאָרמאַציע ווען דער תנ״ך איז פאַרשפרייט געוואָרן צווישן די מער געבילדעטע ענגלענדער און אַ צאָל פון זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַן אינטערעס און סימפּאַטיע צום פאָלק פון תנ״ך.

אָליווער קראָמוועל אַליין איז געווען שטאַרק גענייגט אַז מען זאָל דערלויבן די יידן צוריקצוקומען נאָך ענגלאַנד. ער האָט געוואָלט האָבן די יידן אין לאַנד נישט אַזוי דורך זיין סימפּאַטיע צום ביבלישן פאָלק, ווי דורך זיין ליבשאַפט צו ענגלאַנד וועמענס אינטערעסן און אַנטוויקלונג וואָלטן אַ סך געהאָלפן געוואָרן דורך די רייכע יידישע סוחרים און פינאַנסיסטן.

קראָמוועל האָט אָבער געוווסט וועגן די שטאַרקע קעגנערשאַפט פון די ברייטע מאַסן פון ענגלישן פאָלק צו דעם יידישן צוריקקער אין דעם לאַנד. ער האָט דערפאַר פאַררופן אַ קאָנפערענץ פון פראָמינענטע פאָרשטייער פון געזעץ, רעליגיע און מסחר, כמעט אַלע געקליבענע נאָכפאָלגער זיינע, און געהאָפט אַז זיי וועלן באַשליסן די פראַגע צו גונסטן די יידן. די קאָנפערענץ איז געהאַלטן געוואָרן אין וועסטמינסטער אין חודש דעצעמבער 1655. די פאָרשטייער פון געזעץ האָבן דערקלערט אַז עס איז נישט אומלעגאַל פאַר יידן צו וווינען אין ענגלאַנד, אָבער די גרעסטע מערהייט פון די אַנדערע פאָרשטייער זיינען געווען קעגן די יידן. קראָמוועל האָט דערפאַר געשלאָסן די קאָנפערענץ אָן אַן אָפּשטימונג און די פראַגע איז דערווייל געבליבן הענגען אין דער לופטן. מנשה בן ישראל און זיינע פריינט זיינען געווען אַנטוישט און פאַרצווייפלט.

מיט עטלעכע חדשים שפּעטער אין 1656 איז אויסגעבראָכן אַ קריג צווישן ענגלאַנד און שפּאַניען, און די ענגלישע רעגירונג האָט געהאַט אַ רעכט צו אַרעסטירן אַלע שפּאַנישע בירגער און קאָנפיסקירן זייער פאַרמעגן. די פּאָר צענדליק געהיימע יידן אין לאָנדאָן וועלכע האָבן פריער זיך פאַרשטעלט אַלס שפּאַנישע קאַטאָליקן האָבן זיך אָפן דערקלערט אַלס יידן און אַפּעלירט צו קראָמוועלן פאַר פּראָטעקציע. קראָמוועל האָט פאַראָרדנט אַז מען זאָל די יידישע פאַרמעגנס נישט קאָנפיסקירן און לאָזן זיי פריי וווינען אין לאַנד. ער האָט זיך געשטיצט אויפן באַשלוס פון די לעגאַלע פאָרשטייער אויף דער וועסטמינסטער קאָנפערענץ אַז ס׳איז נישט אומגעזעצלעך פאַר יידן צו וווינען אין ענגלאַנד.

אָט אַזוי הויבט זיך אָן דאָס אָפיציעלע צוריקקומען פון יידן אין ענגלאַנד וועמענס 300־יאָריקן יובל וועט געפייערט ווערן דעם קומענדיקן יאָר אין 1956.

ווי מען זעט זיינען די יידן דאָ צוריקגעקומען אין לאַנד נישט דורך אַ ברייט געעפנטע, גאַסטפריינטלעכע טיר. פאַרקערט, זיי האָבן זיך כמעט ווי אַריינגעגנבעט דורך אַ הינטער־טיר און פאַרבליבן דאָ, טראָץ די גרויסע קעגנערשאַפט,

בלויז דורך דער פּראָטעקציע פון דעם מעכטיקן אָליווער קראָמוועל און פון שפּעטערדיקע הערשער. אָבער די מאָדערנע יידישע געשיכטע אין ענגלאַנד הויבט זיך אָן פון יענער צייט. ביסלעכווייז הויבן אָן אַריינצוקומען אין לאַנד אַלץ מער און מער יידן, ביסלעכווייז הויבן זיי אָן צו באַפעסטיקן זייער פּאָזיציע. דער גייסט פון טאָלעראַנץ, פרייהייט און דעמאָקראַטיע וואַקסט אין ענגלאַנד און עס געלינגט די יידן אויסצוקעמפן פולע גלייכבאַרעכטיקונג אַלס בירגער מיט כמעט אַ הונדערט יאָר צוריק.

ענגלאַנד איז געוואָרן דער גרעסטער צענטער אין אייראָפּע ווו פאַרפאָלגטע און פאַריאָגטע פון אַנדערע לענדער האָבן געפונען אַ מקום מנוחה. נאָך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד אין די 80־ער יאָרן און די אַנטיסעמיטישע פאַרפאָלגונגען אין רומעניע און אַנדערע מזרח־אייראָפּעאישע לענדער זיינען דאָ אָנגעקומען פיל צענדליקער טויזנטער עמיגראַנטן וועלכע האָבן זיך מיט דער צייט איינגעאָרדנט מיט זייערע פאַמיליעס און געוואָרן די מערהייט פון היגן ישוב. די צאָל פון יידן אין ענגלאַנד איז ווייטער געוואַקסן אין אַ גרויסער מאָס דורך דעם אָנקומען פון די אַנטלאָפענע פון דייטשן מיליטאַריזם און נאַציזם. אַזוי אַרום איז איצטער דער יידישער ישוב אין ענגלאַנד, וואָס ציילט כמעט אַ האַלבן מיליאָן נפשות (כן ירבו), געוואָרן (אויסער רוסלאַנד) דער גרעסטער און איינפלוסרייכסטער יידישער צענטער אין חוץ לארץ נאָך אַמעריקע.

די יידן אין ענגלאַנד האָבן טאַקע דערפאַר גוטע אורזאַכן צו פייערן דעם 300־יאָריקן יובל פון דעם יידישן צוריקקומען דאָ אין לאַנד און עס האָט זיך שוין פאַר דעם צוועק געגרינדעט אַן איינפלוסרייכער קאָמיטעט איינצואָרדנען אַן אויסשטעלונג פון ענגליש־יידישע קונסט און געשיכטע אין 1956.

ווי איך זע אָבער פון די הויפּט נעמען אויף דעם קאָמיטעט (לאָרד סעמיול, לאָרד קאָהען, ע. ס. מאָנטאַגיו און ענלעכע כלל טוער) וועט דער יידישיסטישער סעקטאָר פון היגן ישוב זיין גאַנץ ווייניק, און אפשר גאָרנישט, פאַרטראָטן. מיר וועלן דערפאַר מוזן פראַוון דעם יום טוב פאַר זיך, און איך האָף אַז דאָס וועט געטון ווערן אויף אַ ווירדיקן אופן.

אויפן היסטאָרישן געביט איז ביז איצטער כמעט ווי גאָרנישט באַלויכטן געוואָרן דער גרויסער איינפלוס און ביישטייער פון דעם מזרח־אייראָפּעאישן עלעמענט אויף דעם יידישן ישוב אין גרויס־בריטאַניען

אַזוי, למשל, געפינען מיר אַז אין די אַמבעסטן באַקאַנטע צוויי ביכער אין ענגליש איבער „די געשיכטע פון יידן אין ענגלאַנד" (פון אַלבערט הייעמסאָן און ד"ר סעסיל ראָטה) ווערט בלויז אַ גאָר קליינער טייל אָפּגעגעבן פאַר דער פּעריאָדע פון די לעצטע 75 יאָר. מיר האָפן אין די ווייטערדיקע העפטן פון „לשון און לעבן" צו באַאַרבעטן, ווי ווייט מעגלעך פאַר אונז, אָט די מזרח־אייראָפּעאישע תקופה פון ענגליש־יידישן ישוב וואָס הויבט זיך אָן אין די 80־ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. כדי צוצוקומען צו דער פּעריאָדע וועלן מיר געבן אַ פּאָר קאַפּיטלען וועגן דער געשיכטע פון די יידן אין ענגלאַנד אין מיטלאַלטער ביזן גירוש 1290, און דאַן ווידער פון 1656 ביז 1880.



י. א. ליסקי

## יוסף ראלניק און זיין דיכטונג

יוסף ראלניקס באַהעפטן זיך מיט דער דיכטונג און דורך איר מיט דעם לעבן אין אַ סך באַוועגלעכע פאָרמען, איז עפּעס אַזוי אינטים, אַז מ'האָט דאָס געפיל, ווען מ'לייענט די לידער זיינע, ווי ער וואָלט מיט זיי געגאַנגען אָרעם אין אָרעם, שטיל, מיט די איידלסטע טריט, מיט אַ געלאַסענעם אָטעם; עפּעס אַזאַ נאָענטער, ריטמיש־מעלאָדישער גאַנג איז דאָס, אַז נאָר גאָר אייגענע, אָדער שטאַרק פאַרליבטע באַוועגן זיך אַזוי אין הייליקע מינוטן, וועלכע זיי פאַרגעסן קיינמאָל נישט...

אַזאַ דיכטונג איז זעלטן. און זעלטן איז ראָלניק געווען סיי אין זיין יוגנט ווען ער האָט פאַרלאָזט זיין היים, און סיי שפּעטער אין די שווערע יאָרן פון זיין אַנטוויקלונג אין דער ליטעראַרישער סביבה פון די יונגע דיכטער אין אַמעריקע, ווען ס'האָט געברויזט מיט שאַפונגס־ענערגיע, מיט אייפער און מיט דיכטערישער גבורה. ס'איז געווען מיט וועמען זיך צו פאַרמעסטן.

ס'איזביים אָנהויב פונם יאָרהונדערט געווען די בלי־צייט פון דער יידישער דיכטונג. אין ניו־יאָרק האָבן זיך געפאָרמט גרופּן פון יונגע פּאָעטן מיט אייגענע ליטעראַרישע אויסגאַבעס, און ס'זענען אַנטשטאַנען ריכטונגען מיט באַזונדערע שיטות, וואָס האָבן זיך גערוקט אַלץ העכער צו פאַרכאַפּן דעם אויבן־אָן אינם טעמפּל פון דער יידישער קונסט. ס'איז מערקווירדיק ווי אַזוי יוסף ראָלניקס דיכטערישע אַנטוויקלונג האָט זיך געשטאַלטעט. ער איז באַלד דערקענט געוואָרן, און מ'האָט אויף אים געקוקט ווי אויף אַ זעלטענעם נאַטור־געוויקס. מ'האָט אים געשוינט; און יעדער באַזונדער האָט אים געהיט. ער איז צווישן די גרופּן נישט געווען שעדלעך פאַר די אידעען אינם פּראָצעס פון זייער אַנטוויקלונג, ער האָט נישט געשטערט, און איז נישט געשטאַנען אין וועג נישט דער און נישט יענער ריכטונג אין דער ליטעראַטור. אַלע האָבן דאָס געוווסט. מ'האָט אים געלאָזט וואַקסן סיי אונטער דער זון, סיי אונטער דער לבנה, סיי אין דער וואַרעם און סיי אין דער קעלט. מ'האָט בלויז געריסן בלומען פון דעם דאָזיקן זעלטענעם געוויקס, פון דעם זעלטענעם דיכטער יוסף ראָלניק. מיט די בלומען האָט מען זיך געפרייט, געצירט און מיט זיי גערייצט דאָס אויג. דאָס האָט מען אין דער יידישער ליטעראַטור געטון מיט יוסף ראָלניקס לידער. אַוו נאָר ס'איז דערשינען אַ נייע ליטעראַרישע אויסגאַבע פון אַ קינסטלעריש, עסטעטישן כאַראַקטער, איז דאָרט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ ליד אָדער צוויי פון יוסף ראָלניק; אָפט זענען דאָס געווען לידער פון דער שטילער, רוסישער לאַנדשאַפט:

הייסער טאָג

דער הייסער טאָג האָט זיך אויף אַ ווילע צוגעלייגט,
און אָפּגערוט האָט זיך די גאַנצע וועלט.
די רעדער פון הימל ווי דער רעדער גאַנג

פון מיל האָבן זיך אָפּגעשטעלט.
(די מילנער קלייבן זיך די שטיינער שמידן)
דער וועג איז ווייס און לער.
מ׳זעט ניט קיין פור אויף וויאָרסטן לאַנג
אפילו ניט קיין דורכגייענדיקן גוי אָדער יידן.
עס איז דריי בייטאָג, די זון האָט זיך צוגענויגט
צו מערב. דעם טאָגס ברעמען זענען שווער.

אַזעלכע לידער האָט יוסף ראָלניק געשריבן. זיי זענען עכט און אָריגינעל. ער דערנענטערט זיך מיט די שטילסטע טריט צום לעבן פון דער לאַנדשאַפט. ער איז פון קיינעם נישט באַאיינפלוסט, נישט פון דער יידישער ליטעראַטור און נישט פון די ליטעראַטורן פון דער וועלט, וועלכע ער האָט אָן שום ספק גוט געקאָנט. ער האָט זיך מיט קולטור גענערט, אָבער ער האָט זיי גוט פאַרדייעט. ער איז אַ דיכטער מיט אַ גרויסער ברכה. זיין דיכטערישע וויזיע פאַרטראָגט נישט קיין פרעמדע איינפלוסן. פרעמדער איינפלוס וואָלט צעשטערט זיין פאָרם און ער וואָלט נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו דערגיין צו אַזאַ אינטימער באַהעפטונג מיט וועלכער ער האָט געשאַפן דאָס ליד פון דער שטאָט, וואָס לייגט זיך צענויף אַזוי פּרעכטיק.

ריווערסייד דרייוו

שווער זיך אויפצוהויבן פאַרטאָג פון בעט;
נאָר אַז איך גיי אַרויס, טוט די בלויקייט אַ גלעט,
און דער ווינט טוט אַ שויבער די האָר,
און די שטיינער אין גאַס כאַפּן אונטער מיין טראָט.
לער און שטיל אויף גאָר דער ערד —
איך און דעם מילכמאַנס פערד.
דער מילכמאַן איז ערגעץ אויף אַן אויבערשטן גאָרן,
שטעלט אויס פלעשער ביי פאַרמאַכטע טירן;
און דאָס פערד ווייס אַליין ווי צו פאָרן —
ווען זיך אָפּשטעלן און ווען זיך רירן.
איך לויף מיט די צייטונגען אונטער אָרעם,
איך קוק ניט אויף די נומערן פון די טירן,
מיינס פיס ווי דעם מילכמאַנס פערד, פירן
צו די איינגעוווינטע טרעפּ. די זון איז אויפגעשטאַנען
אויף דער מזרח זייט פון שטאָט,
אָבער אירע אַלע פלאַמען — איר גאַנצן גנאָד
האָט זי אויסגעגאָסן פולע קאַנען
אויף דעם מערב ברעג פון האַדסאָן טייך.
אויף ריווערסייד, דריי הונדערט און צען,



אין שאָטן פון אַ ברוין שטיינערנער וואַנט,
האָב איך אַנטקעגן מיר אַ מענטשן דערזען,
(ער איז אויף אַ נידעריקן גאַניק געשטאַנען)
נאָך זיין אויסזען — ניט פון דאַנען.
כאָטש יונג — שוין מיט וואָנסן און באָרד,
און מיט זיין פנים געווענדט גלייך
צו די בערג, האָט ער אַ האַנט
אויסגעשטרעקט מיט אַן אויסגעשריי,
וואָס איז געווען נאָך קנאַפּער פון אַ וואָרט —
דאָס האָט געמיינט:
זע, דאָרט!
און איך, ווי ער, דערשטוינט,
האָב צו דער ליכטיקייט אויבן
די צייטונגען, אַ קרבן, אויפגעהויבן.
צי דאָס, וואָס ניט אויפגערעדטערהייט,
האָבן מיר זיךביידע דאָ געפונען.
נאָר פרעמדע, שטומע מענטשן צוויי,
האָבן זיך צום ערשטן מאָל אויף דעם אָרט
באַגעגנט און — פאַרשטאַנען . . .

פרעמדער איינפלוס וואָלט אים געשטערט צו קומען פנים אל פנים מיט דער אייגנאַרט פון דער נאַטור און איר לעבנס־שטייגער, מיט דעם שטילן און ווייטן שטח, מיט פלאַנצן און געוויקסן. ס׳וואָלט אים נישט געלונגען צו דערגרייכן אַזאַ פּערפעקטע דיכטערישע האַרמאָניע פון קלאַנגען און פאַרבן, וועלכע זענען דער תמצית פון זיין ליד. די שטילע אינטימיטעט מיט וועלכער ער דערנענטערט זיך צו דער העלקייט פון זאַכן ווערט פאַרוואַנדלט אין דעם רוח החיים, וואָס די זאַכן טראָגן דערנאָך אין זייער דיכטערישער געשטאַלטונג. דאָס איז די דיכטערישע גבורה. דאָס איז דער אינהאַלט פון זיין ברכה, און ממילא פון זיין ליד. אַזאַ פאָרם פון דיכטערישער באַהעפטונג ווען זי ווערט געשלאָגן פון אַ פרעמדן איינפלוס קען נישט זיין שעפעריש.

ס׳איז נישט ריכטיק, אַז ראָלניק איז געווען באַאיינפלוסט פון אברהם רייזען. אויבנאויפיק קען זיך אפשר אויסדאַכטן, אַז ס׳איז אַזוי, אָבער ווען מ׳גייט אַריין טיפער אינם פּראָצעס פון דעם געשאַפענעם ליד זעט מען די אַנדערשקייטן פון די טעמפּעראַמענטן ביי ביידע דיכטער. יוסף ראָלניק איז געווען אין זיין כאַראַקטער דער סאַמע היפּוך פון אברהם רייזען. ער איז געווען אַ צוריקגעצויגענער, ווייניק טעטיק גוזעלשאַפטלעך, נישט באַריידעווודיק (דערפאַר האָט מען אים צוגעפּאַסט אַ פּרנסה וואָס פאָדערט אַ סך שטילקייט, ער איז לאַנגע יאָרן געווען אַ קאָרעקטאָר אין אַ צייטונג), ער איז אויך נישט געווען אַזוי פריינטלעך־סענטימענטאַל, ווי אברהם רייזען איז געווען. ער האָט אויך נישט געטראָגן אויף זיך

דעם עול פון צו באַפרייען די מענטשהייט. ער איז געווען אַ ריינער קינסטלער. אידעען און מיסיעס האָבן אים קנאַפּ אינטערעסירט. דעם אינהאַלט פאַר אַ ליד האָט ער נישט באַדאַרפט לאַנג זוכן, ער האָט אים שטענדיק געהאַט צו דער האַנט און האָט אים געקאָנט אַריינגיסן באַלד ווי די פאָרם פון קלאַנג, טאָן און קאָליר איז פאַרטיק געוואָרן; אין דעם שטעקט דער אינהאַלט פון זיין ברכה. רייזענס פּאַטאָס איז ווייכקייט, און ראָלניקס אינטימיטעט איז נאָענטקייט; ס׳איז די נאָענטקייט דורך דעם אָפענעם פענסטער. ס׳איז דער עכאָ פון שטילע טריט, ווי מיר זעען דאָס אין דעם אָטעם פון דעם ליד:

### ברויט אין קעשענע

שבת נאָך וואַרמעס אַז מ׳גייט אַרויס,
איז דער וועג ווי אַ מדבר זאַמדיק און הייס.
אָבער דאָס ערשטע בריקל איז באַלד דערביי.
און כאָטש דער נאַקעטער דיל ווי פריסיק ברענט,
איז קיל דאָס וואַסער צווישן טאָרפענע ווענט,
און גלאַט ווי אויסגעגאָסן בליי,
און פישלעך מיטן רוקן צו דער זון,
דרייען זיך אַרום אין קיילעכדיקן תחום.
מיר וואַרפן זיי פון קעשענע ברעקלעך ברויט,
זיי שלינגען דאָס איין און — ווייטער זיך געדרייט,
און האָבן פאַר אונז גאָרניט קיין מורא.
די גרויסע זעען אין דעם די גרויסקייט פון בורא;
מיר אָבער מאַכן שפּיל דערפון —
גלייך מיט גלייך.
און אַז די ברעקלעך נעמען זיך אויס
קערן מיר די קעשענעס אויס
צו ווייזן, אַז מיר האָבן מער גאָרניט פאַרן טייך.

פאַראַיאָרן, אַ יאָר פאַר זיין טויט, איז צום פינף און זיבעציק יאָריקן יובל דערשינען אַ באַנד פון ראָלניקס געקליבענע לידער, דוכט זיך אַז דאָס איז דאָס צווייטע מאָל, וואָס ס׳איז דערשינען אַ בוך לידער פון אים; ער האָט זער ווייניק געשריבן; און אַ בוך זכרונות, מיט אַ סך איינצלהייטן פון זיין יוגנט. אַזאַ בוך איז זער וויכטיק פאַר דער פאָרשונג פון דער זעלטענער געשטאַלט און פון דער זעלטענער דיכטונג, וואָס לייכטן אין דער יידישער ליטעראַטור.

**ווערט א מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון“**



## אַלגאַ סמך־פיליפּס

# אַ בילד פון ענגליש־יידישע פרויען־שרייבערינס

אין קייזערלינגס ווערק „יידישע פרויען“ געפינען מיר אַ גאַנצע ריי בילדער פון ענגליש־יידישע פרויען, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער ליטעראַרישער טעטיקייט, און עס איז זער ווערטפול, אַז מיר זאָלן זיך אָפּשטעלן אין דעם דאָזיקן אַרטיקל אויף אייניקע פון זיי.

די צוויי שוועסטער, מאַריאַן און סיליאַ מאָסס, קען מען באַטראַכטן אַלס די מוטערס פון דער ענגליש־יידישער ליטעראַטור, און זיי זענען אפילו העכסט אינטערעסאַנט פונם שטאַנדפונקט פון זייער פאַמיליע.

די בעסער באַקאַנטע מאַריאַן מאָסס איז געווען די פינפטע טאָכטער אין אַ פאַמיליע פון פּאָרטסי. איר עלטער־זיידע האָט געגרינדעט די שול אין פּאָרטסמאוטה, און איר עלטער־באָבע איז געווען דאָס ערשטע יידישע קינד געבוירן צו ווערן אין דער זעלביקער שטאָט. אָט די זעלביקע פרוי האָט דערלעבט צו פּרעזענטירן דעם טערקישן סולטאַן, מחמד כאַן, מיט אַ גראַמאַטיק פון דער טערקישער שפּראַך, פאַרפאַסט פון איר זון, דעם אָריענטאַליסט, אַרטור לאַמלי און אַרויסגעגעבן אין יאָר 1836; באַקומענדיק פונם זעלביקן סולטאַן אַ דימאַנטענעם רינג אַלס אַ קעגן־מתנה. אָט די זעלביקע פרוי, מרס. שרה דייווידס, האָט אַליין איבערזעצט די דאָזיקע גראַמאַטיק אויף פראַנצויזיש און אויך פּרעזענטירט אַן עקזעמפּלאַר דעם פראַנצויזישן קעניג לואיס פיליפּ.

מאַריאַן מאָסס האָט באַקומען אַ זער גוטע בילדונג אין ענגליש און העברעאיש; דערויף האָט איר פאָטער, דזשאָזעף מאָסס, געזאָרגט. אָבער ער האָט זיך לחלוטין אַנטקייגנגעשטעלט סיי איר סיי איר שוועסטערס פאַרנעמען זיך מיט ליטעראַטור. נאָר שפּעטער, אַז ער איז געוואָרן אַ יורד, איז עס שוין פאַר אים געווען אַ הילף וואָס זיינע קינדער האָבן זיך פאַרנומען מיט שרייבן, הגם בשעתן פאַרבאָט איז עס זיי אויסגעקומען צו באַהאַלטן זייערע שריפטן צווישן דעם פּסחדיקן געפעס.

אָט די צוויי שוועסטער האָבן אויך רעדאַגירט אַ וואָכנבלאַט, מיטן נאָמען „שבת־זשורנאַל“, ווו זיי האָבן געדרוקט נאָוועלן, לידער און אַרטיקלען. צום באַדויערן איז דער יידישער עולם נישט געווען גרייט אויסצוגעבן אפילו אַ פּעני אַ וואָך, כדי דער זשורנאַל זאָל זיך האַלטן.

די צוויי מיידלעך האָבן אַריבערגעוואַנדערט קיין לאָנדאָן, ווו מאַריאַן האָט חתונה געהאַט מיט איר לערער פון פראַנצויזיש, אַלפאָנס האַרטאָג, וועלכער איז שפּעטער באַרימט געוואָרן אַלס פּראָפעסאָר.

ליידי פיליפּ האַרטאָג האָט אָנגעשריבן די ביאָגראַפיע פון איר מאַן, וואָס איז געווען דער זון פון מאַריאַן האַרטאָג און אינם ערשטן קאַפּיטל געפינען מיר אַ באַשרייבונג פון דער פאַמיליע בכלל. אַחוץ אָט די דאָזיקע ביאָגראַפיע האָט ליידי האַרטאָג אָנגעשריבן אויך אַנדערע ביכער, וועלכע האָבן אָבער צו טון מיט אינדיע, ווו איר מאַן האָט פאַרנומען אַ הויכע פּאָזיציע.

די שוועסטער מאָסס, פונם אַלטן דור, האָבן אויך געשריבן געשיכטעס פון יידישן פאָלק, וועלכע זענען געווען העכסט פּאָפּולער ביז אַן ערך פופציק יאָר צוריק. און אין זייערע פריסטע שירים געפינען מיר בולט אויסגעדריקט די יידישע בענקשאַפט קיין ציון. אַ טייל פון זייערע אַרבעטן האָבן זיי אויך פאַר־עפנטלעכט אין דעם „בראַדפאָרד אָבסערווער" און אין „מעטראָפּאָליטאַן מאַגאַזין".

* * *

אַ צווייטע פערזענלעכקייט איז ליידי מאַגנוס, געבוירן קיטי עמנואל, אין יאָר 1844. אויך זי שטאַמט פון פּאָרטסמאַוטה. איר פאָטער, יחזקאל עמנואל, האָט געהאַט דעם כבוד פאַרגעשטעלט צו ווערן פאַרן באַרימטן ענגלישען אַדמיראַל לאָרד נעלסאָן פון אייבראַהאַם גאָלדסמיד. יחזקאל עמנואל אַליין האָט פיל גע־האָלפן דעם ערשטן יידישן לאָרד מעיאָר, סיר דייוויד סאָלאָמאָן.

די „דזשואיש רעוויו" פון אונזער צייט האָט באַצייכנט ליידי מאַגנוס' ווערק „ראשי פרקים פון יידישער געשיכטע" אַלס אַ זער ווערטפול טעקסטבוך פאַר דער יוגנט און פון גלייכער ווערט ווי מרס. בת־ציון אייבראַהאַמס „יידישע גע־שיכטע". די לעצטע, געבוירן לאַסק, איז די יונגסטע יידישע פרוי, וואָס פאַר־נעמט זיך מיט שרייבן היינט־צו־טאָג אין ענגלאַנד.

ליידי מאַגנוס איז געווען אַ העכסט אַקטיווע פערזענלעכקייט, וואָס האָט זיך פיל פאַרנומען מיט ענינים אין שייכות מיט איר מאַנס רעפאָרם־שול אין בערקלי סטריט ווי אויך מיט דער היים פאַר יידישע טויב־שטומע און דעם קלוב פאַר יידישע מיידלעך.

* * *

אַליס לוקאַס (מרס. הענרי לוקאַס) האָט געלעבט אין דער זעלביקער צייט וואָס קיטי מאַגנוס, זייענדיק פון דעם זעלביקן ענגליש־יידישן כלל־טוערישן טיפּ. זי איז געווען טעטיק לטובת די וועסטמינסטער דזשוס פרי סקול און אינ־פאַנט סקול אין קאַמערשעל רויד. זי איז אויך געווען פּרעזידענטין פון דער געזעלשאַפט פאַר יידישע שטודיען, וואָס מען האָט געגרינדעט אין יאָר 1900, כדי צו דערמוטיקן ענגליש־יידישע פרויען צו שטאַרקן זייער באַהאַוונטקייט מיט דער יידישער אמונה און כתבי־הקודש. אָט די גרינדונג איז געווען דער פּועל־יוצא פון אַ באַזוך אין לאָנדאָן אַ יאָר פריער פון דעם „אַמעריקען קאונסיל אָף דזשואיש ווימען".

מרס. לוקאַס האָט אָנגעשריבן אַ ריי גוטע פּאָעמעס פון יידישן אינהאַלט און אויך געמאַכט איבערזעצונגען פון העברעאיש, אַ שפּראַך, וואָס האָט אַרויסגע־רופן ביי איר אַ סך ענטוזיאַזם. איר זון, ד״ר נתנאל לוקאַס, לייענט עד היום יעדן יום כפור מפטיר יונה אין דער בייסוואָטער סינאַגאָג און פאָרט יאָר־יערלעך קיין קאַרלייל השגחה צו געבן אויף באַקן מצות.

אָט זענען אויסצוגן פון צוויי פון אַליס לוקאַס'לידער: דאָס ערשטע אַן ענגליש־יידיש ליד דורך און דורך; דאָס צווייטע אָבער איז דורכגעדרונגען מיט ציוניסטישן סענטימענט.



דער יידישער סאָלדאַט (מערץ 1900)

מאַמע ענגלאַנד, מאַמע ענגלאַנד, צווישן טויזנטער,
וויט אַוועק איבער ימים היינט־צו־טאָג,
צווישן קעמפער פאַר דיין כבוד, פאַר דיין גלאָריע,
איז דאָ אָרט אויך פאַר אונז דער גרופּע קליינער, ענגלאַנד, זאָג?

ווייל דער ייד האָט האַרץ און הענט, מוטער ענגלאַנד,
וואָס געהערן דיר אינגאַנצן היינט —
דיין אויף לעבן, דיין אויף טויט, דיין אויף אייביק!
וועסט זיי נעמען ווי מיר געבן, פריי מיט פרייד?
ענגלאַנד, זאָג!

דאָס ליד פונם יידישן קאָלאָניסט

זינק, גאָלדענער קאָרן!
וויסן זאָלסטו, אָ, פעלד מיינס,
אבות מיינע באַאַרבעט האָבן
די ערד פון לאַנד ישראל.
ס'האָבן וויינגאָרטן און קעלטער און דרעשעריי
דאַן געשטראַמט מיט שפע טייערסטער
פון ווייץ און בוימל און ווייַן.
שטייג־זשע אויף, קאָרן גאָלדענער!

זינק, גאָלדענער קאָרן!
אין יענע טעג פון פראַצע גליקלעכער
געזאַמלט האָבן זיי פון וויינגאָרטנס פורפור פרוכט,
און דורך דער שטערן־נאַכט
פריידן־קלאַנג פון שניטערס ליד
אָפּגעהילכט האָט אויף ירדן ברעג
און גלבוע באַרג.
שטייג־זשע אויף, קאָרן גאָלדענער!

* * *

גרעיס אגילאר איז געווען די ענגליש־יידישע שרייבערין פאַר עקסעלאַנס, און עס איז דאָ אַ סך וואָס מען וואָלט געקאָנט שרייבן וועגן איר. עס איז ווערט צו דערמאָנען, אַזמרס. בת־ציון אייבראַהאַמס האָט וועגן איר אָנגעשריבן אַ וויכטיקע אָפּהאַנדלונג פאַר דער „דזשואיש היסטאָריקאַל סאָסייטי".

געבוירן אין העקני אין יאָר 1816, האָט מען זי באַצייכנט אין אַ טייל פון

אירע שריפטן אַלס גרעיס אגילאר פון העקני, ענגלאַנד. זי איז וועזנטלעך געווען אַ שרייבערין, וואָס איז אויפגעוואַקסן אין דעם שטאַרקן קהלה־איינפלוס, וואָס איז אַזוי בולט ביי די שוועסטער מאָסס, אָדער ביי ליידי מאַגנוס און פרוי לוקאַס. געהערט האָט גרעיס אגילאר צו אַן אַלטער, מיוחסדיקער ספרדישער פאַמיליע, וועלכע האָט זיך באַזעצט אין דעוואָנשייר צוליב איר פאָטערס שלעכטן געזונט־צושטאַנד. אַ דאַנק אָט דעם האָט זיך ביי איר אַנטוויקלט אַ ליבשאַפט פאַר דער נאַטור און אויך פאַר דער אַריסטאָקראַטישער קריסטלעכער געזעלשאַפט, וואָס האָט אַזוי באַאיינפלוסט איר ערשט ווערק, אַ באַנד לידער, בעיקר נאַטור־לידער, אונטערן נאָמען „דער מאַגישער קראַנץ". דאָך איז אַ גאָר גרויסער טייל פון אירע שאַפונגען וועזנטלעך יידיש.

די יידישע אַטמאָספערע און די סכאָלאַסטיק פון אירע עלטערנס הויז האָבן ביי איר דערוועקט אַ פאַראינטערעסירונג מיט דער געשיכטע פון יידישן פאָלק און זיין אמונה. נישט געקוקט אויף איר צוגעבונדנקייט צו אירע קריסטלעכע פריינט און דעם אופן פון זייער דינען גאָט, האָט זי אָנגעשריבן אַ ריי יידישע ביכער, וואָס יידן פון דער וויקטאָריאַנישער עפּאָכע האָבן אַנערקענט פאַר קלאַסישע ווערק. אַזעלכע ביכער, ווי די היסטאָרישע ראָמאַנען „דער טאָל פון די צעדערביימער", „דער דעקרעט" און „פרויען פון ישראל" ווי אויך אירע ביכער אויף נישט אויסדריקלעך יידישע טעמעס „דער איינפלוס פון דער היים", „אַ מאַמעס שכר" און „די פריינטשאַפט פון פרויען" און „אין די צייטן פון קעניג ברוס", צו דערמאָנען בלויז אַ קליינע צאָל, זענען געווען איבעראַל באַקאַנט אין יידישע הייזער.

פון קינדווייז אָן האָט זי זיך פאַרנומען מיט שרייבן, אָנהויבנדיק מיט אַ טאָגבוך זינט זי איז אַלט געוואָרן זיבן יאָר. איר שוועסטערקינד, דער פאַרשטאָרבענער האַראָלן אגילאר פון מיידא וויל האָט מיר אַמאָל באַשריבן אין אַ בריוו ווי זי האָט באַהאַלטן אירס אַ דערציילונג בשעת אַ לעקציע אין דער שולע. די מערסטע אָבער פון אירע שטודיען האָט זי פאַרפאָלגט, מחמת איר דעליקאַטן געזונט־צושטאַנד, אין דער היים, און ווי די ענגלישע שרייבערין דזשאָרדזש עליאָט איז אויך זי געווען באַשאָנקן מיט אַ סך מידות טובות.

הגם זי האָט געשריבן אין איר בוך „שבת־געדאַנקן": „לויט מיין איינזעען גיט עס גאָרנישט אַזאַ זאַך, וואָס זאָל אַזוי אויסברייטערן אַ מענטשנס בליק אויפן לעבן, ווי דאָס טיילנעמען מיט אַנדערע אין זייערע רעליגיעזע צערעמאָניעס", האָט זי זיך אָבער שאַרף אויסגעדריקט קעגן די אַקטיוויטעטן פון מיסיאָנערן אין איר „די יידישע אמונה", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1846. עס איז ווערט צו ציטירן פון אירס אַ פריערדיק ווערק, „דער גייסט פון יידנטום": „זאָל עס מיר דערלויבט זיין אָנצוווייזן ווי וויכטיק עס איז צו לערנען די העברעאישע שפּראַך מיט יעדן יידישן קינד. אָט די דאָזיקע שפּראַך טאָר נישט באַטראַכט ווערן ווי אַן אָפּגעלעבט לשון, ווייל דאָס פאָלק, וועמענס שפּראַך העברעאיש איז געווען אורשפּרינגלעך, לעבט און וועט לעבן אייביק . . . פאַרוואָס זאָל העברעאיש זיין דאָס איינציקע לשון, וואָס מען לערנט קיינמאָל נישט לויט דער גראַמאַטיק? פאַרוואָס זאָל מען מיטן יידישן קינד נישט לערנען העברעאיש פונקט ווי מען לערנט מיט אים די שפּראַך פונם לאַנד, וווּ עס לעבט? די גראַמאַטיק פון העברעאיש איז כמעט נישט מער קאָמפּליצירט ווי די גראַמאַטיק פון ענגליש".



אָט איז אַן אויסצוג פון גרעיס אגילארס טאָגבוך, גענומען פון אייברעם ס. אייזאַקס „דער יונגער טשעמפּיאָן": „11־טער אויגוסט, 1828. מרס. מאָנטעפיאָרע איז אַ טייערע פרוי, אַזוי איבערגעגעבן דעם מאַן אירן, וועלכער זעט אויס ווי אַ ריז לגבי איר. ביידע זעען זיי אויס צו זיין אייניק אין זייער ליבשאַפט פאַר ירושלים. מר. מאָנטעפיאָרע האָט זער אינטערעסאַנט דערציילט פון זיין לעצטנס אונטערגענומענער נסיעה קיין פּאָלעסטינע. ער האַלט עס פאַר דער גרעסטער אויפגאַבע פון זיין לעבן צו העלפן ירושלים".

געשטאָרבן איז גרעיס אגילאר אין פראַנקפורט־אַם־מיין, וווּ זי איז געברענגט געוואָרן צו איר אייביקער רו אויפן דאָרטיקן יידישן בית־עלמין, אין יאָר 1847.

° ° °

עימי לעווי איז געבוירן געוואָרן אין קלאַפּהעם, אין יאָר 1861, און איז וועזנטלעך געווען אַ דיכטערין פון געוויסער וויכטיקייט אויף אַ קלענערן מאַסשטאַב. אויף אַ יידישער טעמע האָט זי אָנגעשריבן בלויז איין וויכטיק ווערק, די דערציילונג „ראובן זאַקס", וואָס האָט זי געמאַכט זער אומפּאָפּולער אין דער ענגליש־יידישער געזעלשאַפט פון בייסוואָטער און קענזינגטאָן, ווייל אָט די דערציילונג באַשרייבט הויפּטזעכלעך די אייגנשאַפטן פון די דאָרטיקע יידן.

עימי האָט געהאַט אַ זער געשליפענעם פאַרשטאַנד, פיל מער ווי די בילדונג אין נוירטאַן קאָלעדזש האָט איר געקענט געבן. זי האָט געהאַט אַ שאַרפן בליק אויפן ענגלישן יידנטום פון דער וויקטאָריאַנישער תקופה, געקענט אַלע זיינע שוואַכקייטן.

מיר ציטירן בלויז אייניקע שורות פון איר בוך „אַ קלענערער דיכטער":

„נישט רעזיגנירט בין איך, נישט געדולדיק, נישט געשולט
אָנצונעמען מיין שטעלע פון אַ הונגריקן און פרעטענדיקן,
אַז איך בין דאַנקבאַר פאַר אַלעם,
אַלץ פאַרלאַנג איך, אַלץ, אַלץ,
אַפּעטיט האָב איך פאַר אַלעם,
איך וויל דאָס בעסטע —

ליבשאַפט, שיינקייט, זונענליכט, אומבאַקאַנטע פרייד פון לעבן".

אַ פּערזאָן, וואָס האָט דאָס געשריבן, האָט נישט געקענט בלייבן צופרידן מיט די זאַכן, וועלכע זי קריטיקירט אַזוי אין „ראובן זאַקס"; דאָס דינען צום עגל־הזהב און דעם אומאידעאַליזם ביי פאַמיליעס ווי די לויניגערס, וועלכע האָבן געהאַט זייערע גוישע פריינט „בעיקר פון פסעוודאָ שיינער געזעלשאַפט, אויף

ווען מען ׳פּאַרטיס׳ זיי פּלעגן גיין. אָבער זייער געשעפט, זייער עצם אינטערעס האָט זיך געפונען בלויז אין דעם קאַטשקע־וואַסערל פון זייער שבט״. די דאָזיקע דערציילונג, געשריבן אין יאָר 1888, ענטהאַלט אויך אַ סך אמת, וואָס מען קען אָנווענדן היינט־צו־טאָג; פונקט אַזוי אמת ווי איר לעצטער ליטעראַרישער בייַשטייער אינם „דזשענטלמענס מאַגאַזין״, „קאָהען פון טריניטי קאָלעדזש״.* די דאָזיקע, וואָס ווי ווערים האָבן זיך געזוכט אַריינצוקריגן אין דער אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט, האָבן נישט געוואָלט קענען קאָהענען אין דער אוניווערזיטעט.

אין יאָר 1889 איז עימי לעווי געשטאָרבן פון איר אייגענער האַנט. מיר וועלן ענדיקן מיט אַ ציטירונג פון אירס אַ ליד אין „ספּעקטייטאָר״:

„ווען וואָלט איך בלייבן, נאָר כסדר פון דערווייטנס
רופט אַ קול אָן אויפהער, הילכנדיק קלאָר און שטיל;
עס רופט די· שטאָט מיך מיט איר אַלטן צויבער,
די שטאָט רופט מיך — כ׳שטיי אויף און גיי״.

* * *

מיר פאַרענדיקן דעם איבערבליק מיט נינאַ סאָלאָמאָן, די טאָכטער פון דעם גרויסן ענגליש־יידישן געלערטן אַרטור דייוויס.

זי איז געבוירן געוואָרן פיל נענטער צו אונזער צייט ווי די פריער דערמאָנטע פרויען, הגם ליידי מאַגנוס האָט זי איבערגעלעבט. אין יאָר 1901 האָט נינאַ חתונה געהאַט מיט דעם קעמברידזשער וויסנשאַפטלער רעדקליף סאָלאָמאָן, און ווען זי איז געשטאָרבן אין יאָר 1925 האָט רעוו. אפרים לעווין זי באַצייכנט אַלס די מלכה פון דיכטונג ביי יידן. אָט די באַצייכנונג איז גאַנץ באַרעכטיקט, ווייל אירע לידער־זאַמלונגען, „שירים פון גלות״, „יהודה הלוי״ און די אַנטאָלאָגיע פאַר דער יוגנט „עפּל מיט האָניק״, האָבן איר געשאַפן אַ פּערמאַנענטע נישע צווישן די יידישע ליטעראַרישע פרויען. ווערזנטלעך איז איר אויסדרוק געווען עכט יידיש און בעת אליס לוקאַס האָט אָפט געשריבן אויף האַלב־ענגלישע טעמעס, האָט נינאַ סאָלאָמאָן כסדר געשריבן ווי אַ יידישער מענטש אויף דער ענגלישער שפּראַך.

עס איז מיין גליק צו האָבן אַן אָפּדרוק פון איר אַרטיקל אין דעם אַמאָליקן „דזשואיש רעוויו״ פון 1911, מיטן נאָמען „רעליגיעזע יידישע דיכטונג אינם מיטלאַלטער״. אין אָט דער דאָזיקער אַרבעט האָט זי אַנטפּלעקט איר גרויס בקיאות אין יידיש וויסן, וואָס זי האָט פרי באַקומען אין איר סביבה. דער פאָלגנדיקער אויסצוג שטאַמט פון אירע איבערזעצונגען פון יהודה הלוי, וועמענס לידער זי האָט זער געליבט און געפינט זיך אין דער זאַמלונג „שירים פון גלות״:

---

* געווען געדרוקט אין „לשון און לעבן״.



„צי וועל איך דען נישט זיין צערטלעך צו די שטיינער?
וועט דען נישט דער טעם פון דער ערד אויף מיינע ליפּן
זיין זיסער ווי האָניק — די ערד דיינע?״

יאָ, די דאָזיקע ווערטער שפּיגלען אָפּ די נשמה פון נינאַ סאָלאָמאָן אַליין, — אַן אידעאַליסטקע און אַן אם בישראל.

פון אָט דעם קורצן סימפּאָזיום זעען מיר סיי די פאַרשידנאַרטיקייט פון זייער דערציאונג סיי די פאַרשידנאַרטיקייט אין דער ליטעראַטור פון די דאָזיקע ענגליש־יידישע ליטעראַרישע פרויען. און דאָך זענען זיי אַלע געווען אָנגעזאַפּט מיט אַן עכטער ליבשאַפט פאַר דעם מהות פון יידנטום און פאַר דער יידישער געשיכטע אין אַזאַ אָדער אַנדערער פאָרם.

---

ש. י. דאָרפזאָן

## נייע יידישע ביכער

„די שטאָט פון צאָרן״, פון שמואל איזבאַן

ס׳איז אנגענעם נאָכאַמאָל צו לייענען די זעלבע דערציילונג, וואָס מ׳האָט אַמאָל, נאָך מיט יאָרן צוריק, געלייענט אין אַ צייטונג אָדער אין אַ זשורנאַל. עס רעדט זיך, דאַרף מען פאַרשטיין, אויב דאָס געלייענטע האָט איבערגעלאָזט אַן איינדרוק און אינעם זכרון איז פאַרבליבן דער „ראָזשינקע־טעם״ פון דעם געלייענטן.

לעבט זיך אין דער שטאָט ניו־יאָרק אַ זער טאַלענטירטער יידישער שרייבער, שמואל איזבאַן איז זיין נאָמען, וועלכער איז פּראָדוקטיוו אויף די פאַרשיידענסטע פעך־געביטן. אָט איז ער אונדז מכבד מיט אַ פיין אָנגעשריבענעם אַרטיקל אויף אַן אַקטועלער טעמע; אָט לייענסטו פון דעם זעלבן מחבר אַ באמת פיינע דערציילונג, און אָט דערשיינט פלוצים זיינס אַ ראָמאַן, וועמענס אינהאַלט און פאַרנעם איז עפּעס אַזוי אַנדערשדיק פון די פּראָפעסיאָנעלע ראָמאַנען־שרייבער.

שמואל איזבאַן איז נישט קיין פנים־חדשות אין דער יידישער ליטעראַטור. ביז־איצט האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ מנין מיט ביכער — צווישן זיי — איין בוך דערציילונגען אין העברעאיש. אין מיין זכרון האָט זיך שטאַרק איינגעקריצט זיין וואָגיקער און אַקטועלער ·רעפּאָרטאַזש־ראָמאַן „אומלעגאַלע יידן שפּאַלטן די ים׳ן״ אין וועלכן עס ווערט אויף אַ ברייטער לייוונט געשילדערט די טראַגישע איבערלעבונגען פון די אַזוי־גערופענע „אומלעגאַלע״ מעפּילים־שיפן, וואָס האָבן באַלד נאָך דעם היטלערישן חורבן, געפירט טויזנטער אויסגעוואָרצלטע יידן פון די דייטשע לאַגערן קיין ארץ־ישראל.

אַ גאָר שטאַרקן איינדרוק האָט אויך איבערגעלאָזט אויפן לייענער זיין גרויסער ישראל־ראָמאַן „פאַמיליע קאַרפּ״, אין צוויי בענדער, דערשינען אין

בוענאָס־איירעס אינם יאָר 1949), וואָס שילדערט דעם נייעם לעבנס־שטייגער אין ארץ־ישראל. אגב — דער דאָזיקער ראָמאַן האָט אין יאָר 1950 געווונען דעם באַקאַנטן „צבי קעסל־פאָנד" אין מעקסיקא. ווי איך הער, וועט דער זעלבער ראָמאַן בקרוב דערשיינען אויך אין העברעאיש אונטערן נאָמען „אנשי בית קארפ".

ש. איזבאנס נייעסטער בוך „די שטאָט פון צאָרן", וואָס איז דערשינען אינעם פארלאג „זריעה", אין מאָנטעווידעאָ, אורוגוויי, איז נישט קיין ראָמאַן, נאָר אַ סעריע פון 9 דערציילונגען, וואָס זענען געשריבן געוואָרן אין די פאַרשיידענע יאָרן־אַפּשניטן (צווישן 1943 און 1947). ווי שוין פריער דערמאָנט, האָב איך עטלעכע פון די דערציילונגען געלייענט, בעיקר אין „מאָרגן־זשורנאַל". אָבער לייענענדיק די זעלבע דערציילונגען נאָכאַמאָל, אין בוך־פאָרם, איז דער איינדרוק אַ גרעסערער און אַ שטאַרקערער, ווי מען לייענט זיי אין אַ צייטונג. ס'איז בכן נישט קיין צופאַל, וואָס דער רוב שרייבער באַגערן זייערע געדרוקטע שאַפונגען, צעוואָרפן אין די פאַרשידענע צייטונגען און זשורנאַלן, צו פאַרייניקן אין אַ בוך, ווי איזבאן האָט געטאָן.

די קאַנווע אויף וועלכע איזבאַן בויט אויף זיינע אינטערעסאַנטע דערציילונגען, זענען פּסיכאָלאָגיש גוט דורכגעטראַכט און עס וויברירט אין זיי אַ שלל מיט לאָגישע סיטואַציעס און פועל־יוצאס אין וועלכע דער לייענער גלויבט אין זיי, ווי זיי וואָלטן געווען וואָרע געשעענישן. ווען מיר זאָגן „פּסיכאָלאָגיש גוט־דורכגעטראַכט", מיינען מיר אויסדריקלעך איזבאנס צוגאַנג און ברייטן פאַרמעסט אַריינצודרינגען אין די סאַמע טיפענישן פון זיינע העלדנס אינגעוויידן, כדי זיך צו באַקענען מיט אַזעלכע מענטשלעך־קאָמפּליצירטע טיפּן, ווי עס איז, למשל, „פּיענטא", אין זיין דערציילונג „דער דאָקטאָר פון וויליאַמסבורג", אָדער דער פּרייסישער יונקער, אויגוסט גייער, („די 24 שעה פון אויגוסט גייער"), און די אַנדערע דערציילונגען אין דעם בוך, וואָס זענען, אָן מליצה, פּערל פון בעלעטריסטישער שלימות. מיט דער דאָזיקער באַמערקונג דאַרף, פאַרשטייט זיך, נישט אונטערגעשאַצט ווערן די פּרעכטיקע דערציילונג „די שטאָט פון צאָרן", וואָס איז די סאַמע שטאַרקסטע און די געלונגענסטע. והראיה: דער מחבר האָט זיין בוך טאַקע געקרוינט מיט אָט דעם נאָמען.

איזבאנס דיאַלאָג איז לאַקאָניש, קאָנדענסירט, אָפּטמאָל בליציק און חכמהדיק. דאַקעגן זענען געוויסע שילדערונגען אַביסל צעצויגן, צעכלינעט און עס שאַפט זיך דער איינדרוק, אַז ביים שרייבן איז דער מחבר געווען אַזוי שטאַרק באַגייסטערט, אַז ער האָט נישט געקאָנט, אָדער נישט געוואָלט צוימען די לאַווינע פון זיין מייסטערישער שילדערונגס־קראַפט; אַז ער איז ווי באַהערשט געווען אַריינצודרינגען וואָס טיפער אין די הערצער און נשמות פון זיינע פּערסאָנאַזשן, וואָס האָבן אים ווי געפאַנגען מיט זייער מענטשלעכן גורל; — דער גורל פון מיליאָנען מענטשן אין דער גרויסער וועלט־שטאָט ניו־יאָרק, וואָס זעלטן־ווער עס באַמערקט זיי, רעדט מיט זיי און פאַראינטערעסירט זיך מיט זייער טאָג־טעגלעכקייט, ביז עס קומט דער געבענטשטער קינסטלער, (שמואל



איזבאן), וועלכער ווערט אַ מיט־שותף צו דעם שווערן גורל פון זיינע העלדן און גיט זיי דעם כשר־פאַרדינטן תיקון.

„די שטאָט פון צאָרן" דאַרף מען לייענען. ס'איז אַ גוט און אינטערעסאַנט בוך.

## „אלמאנאך"

(אַרויסגעגעבן דורכן פאַריין פון יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן אין פראַנקרייך)

אונדזערע פאַריזער שרייבער־קאָלעגן האָבן זיך רעפּרעזענטירט פאַר דעם יידישן ישוב אין פראַנקרייך און פאַר די תפוצות אויף דער גאָרער יידישער וועלט, מיט אַן „אלמאנאך", וואָס רופט אַרויס נישט בלויז אויפריכטיקע באַוואונדערונג, נאָר אויך אַנערקענונג פאַר זייערע אָנשטרענגונגען, אַרויסצוגעבן אַזאַ בוך אין וועלכן עס זענען פאַרטראָטן 40 יידישע שרייבער (דער רוב פון זיי שטענדיקע תושבים אין פאַריז), און 22 יידישע קינסטלער, וועלכע זענען רעפּרעזענטירט מיט 36 פון זייערע רעפּראָדוקציעס.

ווען מיר זאָגן פערציק יידישע שרייבער, אָן עין־הרע, זענען אין דער צאָל נישט אַריינגערעכנט די „ליבהאַרציקע קאָלעגן" פון דעם פאַריזער יעווסעקיששרייבערישן חדר, ווייל זייער שפּלדיקער צוגאַנג און רעאַגירן אויף די ברענענדיקסטע יידישע פראַגן און פּראָבלעמען, האָט זיי כמעט אַוועקגעשטעלט מחוץ דער יידיש־שרייבערישער מחנה.

דער פאַריזער „אלמאנאך" איז באמת אַ זייער ווירדיקע אויסגאַבע און איז גלייכצייטיק אַ וויכטיקער צושטייער צו דעם יידיש־גייסטיקן און קינסטלערישן שאַפן אין פאַריז. איך וויל אַפילו זאָגן, אַז דער פאַריזער „אלמאנאך" מעג זיך שטעלן בראש פון די גאָר גרויסע צאָל יידישע „אלמאנאכן", וואָס זענען דערשינען אין דעם אַמאָליקן פוילן, אָדער אין אַמעריקע.

ס'איז ממש נישט מעגלעך, אין די באַגרענעצטע ראַם פון אַ קורצער רעצענזיע, זיך אָפּצושטעלן באריכות אויף דעם שלל מיט עסייען, אַרטיקלען, מאָנאָגראַפיעס, בעלעטריסטיק, פּאָעזיע, שילדערונגען, און פון אַ ריי אַנדערע שאַפונגען, וואָס זענען אַריין אין דעם „אלמאנאך". פונדעסטוועגן איז כדאי צו דערמאָנען די ביז־גאָר אינטערעסאַנטע ביישטייערונגען פון פּראָפעסאָר ח. ברוך וועגן „יוסף קארו"; טעאָ ארצישעווסקאס זכרונות וועגן פּרצן; הענריק בערלעוויס באַלערנדיקע עסיי וועגן יידישער קונסט; שלמה שווייצערס אַרטיקל וועגן דעם יידישן ישוב אין פראַנקרייך; יוסף מילנערס וויכטיקע אַרבעט צו דער געשיכטע פון די יידן אין בעלגיע; אברהם שולמאנס אינטערעסאַנטע עסיי וועגן יידישן הומאָר; מיכאל באָרוויטשס אַרבעט וועגן „יאָסל ראקאָווער רעדט צו גאָט", — (אגב: ווען וועט ענדלעך שוין אויפהערן דער דאָזיקער פיינלעכער ראקאָווער־קאָשמאַר?); א. סקורניקס געשיכטלעכע אַרבעט וועגן דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין פראַנקרייך, און דער אַריינפיר־אַרטיקל פון ל. דאָמאנקעוויטש, וועגן „קולטור און פאָלק".

וואָס אונדז פרייט באַזונדערס איז דער פאַקט, אַז אין דעם דאָזיקן „אלמא־

נאָך״ זענען פּאָרטראַטן עטלעכע יידישע פרויען־קאָלעגן מיט פאַרשיידענע אַרבעטן און ס׳איז כדאי זיי צו דערמאָנען: מרים קראַמף האָט אַ באמת פיינעם אַרטיקל געווידמעט דעם באַרימטן פראַנצויזישן שריפטשטעלער שאַרל פּעגי און זיין באַציונג צו יידן; די דיכטערין פערל האַלטער — מיט צוויי סאָנעטן; רבקה קאָפּע — מיט צוויי לידער; גענִיא סילקעס — מיט אַ זער אינטערעסאַנטע אַרבעט וועגן אונדזערע שול־סיסטעמען אין די לענדער פון דער יידישער צעשפּרייטקייט, און די פריער דערמאָנטע טעאַ ארצישעווסקא.

וואָס אונדז אינטערעסירט צו וויסן איז: אויב דער דאָזיקער „אַלמאַנאַך״, וואָס האָט געמאַכט אַזאַ שיינע און זער ווערטפולע התחלה, וועט דערשיינען אויך אין דער צוקונפט; אויב אונדזערע פּאַריזער קאָלעגן וועלן האָבן די אַמביציע, ממשיך צו זיין דעם „אַלמאַנאַך״ און אים פאַרוואַנדלען אין אַ שטענדיקער יאָר־אויסגאַבע?

דער קולטור־דעפּאַרטמענט ביים „דזשאָינט״ אין פראַנקרייך, און די „קולטור־קאָמיסיע ביי דער פראַנצויזישער סעקציע פונעם „יידישן וועלט־קאָנגרעס״ (באַזונדער דעם חשבון דר. אהרן שטיינבערג פון לאָנדאָן), קומט אַ גאַר־גרויסן יישר־כח, ווייל דיביידע אָרגאַניזאַציעס האָבן פינאַנציעל דערמעגלעכט, אַז דער „אַלמאַנאַך״ זאָל דערשיינען. ס׳איז צו דערוואַרטן, אַז זיי וועלן אויך אין דער צוקונפט צולייגן אַ האַנט, אַז די־אַ וויכטיקע אויסגאַבע זאָל דערשיינען רעגולער, כאָטש איינמאָל אין יאָר, טאַקע לכבוד ראש־השנה.

דער „אַלמאַנאַך״, געדרוקט אויף אַ זער פיינעם פּאַפּיר, פאַרנעמט 300 זייטן, גרויסן פאָרמאַט, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן שיין און ציכטיק.

הכלל: לאָמיר מאַכן אַ „שהחינו״ . . .

## יחזקאל בראַנשטיין

# אברהם סוצקעווער ווי אַ דיכטערישע פּערזענלעכקייט*

ווער עס וויל זיך באַקענען מיט דעם געמיט־צושטאַנד פון אַ היינטצייטיקן יידן וואָס איז דערצו נאָך שטאָלץ מיט זיין אָפּשטאַם, טראָץ דעם גיהנום וואָס מיר האָבן דאָ ניט לאַנג צוריק אַדורכגעמאַכט אויף אונזער פאַרשאָלטענער ערד — דער זאָל זיך באַמיען אַריינצוקוקן אין דעם היכל פון אונזער מאָדערנער דיכטונג, וועט ער ווייט נישט דאַרפן גיין צו געפינען דאָס וואָס ער זוכט.

שרייבן, פאַר אַ שריפטשטעלער מיט טאַלאַנט, אחריות און געוויסן, איז נישט נאָר אַ פריידיקע צי טראַגישע איבערלעבונג און אַ מוז, נאָר אויך און דער עיקר אַ נאַציאָנאַלע, געזעלשאַפטלעכע פליכט און אחריות.

און יידישע דיכטער וואָס זיינען נישט גלייכגילטיק צו דעם גורל פון זייער פאָלק, טאָרן נישט שווייגן, ווען דאָס לעבן פון זייער פאָלק שטייט אין געפאַר, אפילו דאַן, ווען זיי אַליין, די באַטרעפנדיקע שריפטשטעלער, זיינען ווייט פון דעם עמק הבכא און ווערן דירעקט אַליין נישט אַריינגעצויגן אין דעם פאָלקס־אומגליק.



אונזער היינטצייטיקע יידישע דיכטונג האָט אין זיך אָריינגעזאַפּט דעם גאַנצן צער און צאָרן פון אונזער תקופה, און אויף אַ רירנדיקן אופן זיך אָפּגערופן אויף דעם פיין, יסורים און וויי־געשריי פון אונזער פאַרפייניקט פאָלק.

יידישע דיכטער איבער דער גאָרער וועלט האָבן זיך צוגעאייגנט צו אונזער גרויסן פאָלקס־אומגליק, און יעדער איינער האָט אויף זיין אופן, לויט די קינסטלערישע מעגלעכקייטן זיינע, געבראַכט צום אויסדרוק זיין אייגענעם צער און צאָרן, פּראָטעסט, יאוש און אויך האָפנונג, לגבי די נויטן פון אונזער פאָלק, וואָס האָט פון זיך אַרויסגעטיילט דעם גרעסטן קרבן, אין פלייש, מאַרך און בלוט! — אויף דעם מזבח פון דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, אין דעם געראַנגל פון אונזער איצטיקן דור הפלגה.

אברהם סוצקעווער, דער דיכטער פון אַ צענדליק אָריגינעלע און וואָגיקע ווערק און איינער פון די צוויי רעדאַקטאָרן פון דער פערטל־יאָר שריפט „די גאָלדענע קייט״ — איז געבוירן געוואָרן אין דעם יאָר 1913, אין דער שוין איצט חרוב געוואָרענער יידישער ווילנע, די ירושלים דליטא. אין דעם יאָר 1915 האָט ער אויסגעוואַנדערט מיט זיין פאַמיליע קיין סיביר, וואָס האָט אגב געשפּילט אַ גאָר גרויסע ראָלע אין דער פאָרמירונג פון זיין דיכטערישן טאַלאַנט און איז שפּעטער, אין דעם יאָר 1922, צוריקגעקומען קיין ווילנע, ווו ער האָט פאַרפולקאָמט זיין דערציאונג און בילדונג און געוואָרן דאָס וואָס ער איז: איינער פון די זעלטנסטע און אָנגעזעענסטע דיכטער ביי יידן.

דאָס פּוילישע יידנטום, ווי מיר ווייסן, האָט צווישן די יאָרן 1918 און 1939 מיט זיך פאָרגעשטעלט גאָר אַ גרויסן שעפערישן כוח אין אונזער פאַר׳אבל׳טער יידנוועלט. וואָס אַנבאַלאַנגט ווילנע אַליין, וואָס איז שפּעטער אַנעקסירט געוואָרן פון דער נייער פּוילן — איז גענוג צו דערמאָנען, אַז זי האָט פאַרמאָגט 5 טעגלעכע יידישע צייטונגען, כמעט יעדן מיט וועלטלעך יידישע שול, תלמוד תורות, לערער סעמינאַרן און גימנאַזיעס.

ווילנע האָט אויך פאַרמאָגט צוויי גרויסע יידישע פאַרלאַגן: קלעצקין און תמר־פאַרלאַגן, וואָס האָבן זער אַ סך בייגעטראָגן צו דער פּראָדוקציע פון ביכער.

אין יאָר 1925 איז דאָרט געגרינדעט געוואָרן דער ייוו״אָ און אין יאָר 1927 איז דאָרט אויפגעקומען אַ גרופּע יונגע יידישע שרייבער, וואָס איז שפּעטער באַרימט געוואָרן איבער דער גאָרער יידישער וועלט, ווי „יונג־ווילנע״, וועמען דער קדוש זלמן רייזען ע״ה האָט געהאַט דעם כבוד און אויך דאָס גליק פאָרצושטעלן פאַר אונזער עפנטלעכקייט אין דעם „ווילנער טאָג״ וואָס ער האָט רעדאַקטירט, אונטער דעם גרויסן קאָפּ: „אַריינמאַרש אין דער יידישער ליטעראַטור״.

און אַז דער אַריינמאַרש איז געווען אַ דורכאויס מזלדיקער און ביז גאָר געלונגענער, וועלן מיר באַלד זען, אין מיין פּרוו צו כאַראַקטעריזירן איינעם

* צו דער געלעגנהייט פון דער דערשיינונג פון זיין נייסטן בוך: „אָדע צו דער טויב״.

פון די גרעסטע, אויב נישט דער סאַמע גרעסטער, דיכטער, אברהם סוצקעווער.

„יונג־ווילנע" וואָס האָט זיך אויסגעשטאַלטיקט אויף דעם אידייאישן הינטערגרונט פון באַנייאונג און המשך פון דער קולטור פון ווילנע — די ירושלים דליטע — האָט נישט געהאַט דעם מזל לאַנג אָנצוהאַלטן דעם קאָלעקטיוון פּאַרנעם פון אַ גרופּע און סוף יוני 1940, ווען די רויטע אַרמיי האָט פאַרנומען גאַנץ ליטע, וואָס איז דאַן געוואָרן אַ טייל פון דער סאָוויעטישער פעדעראַציע פון רעפּובליקן, זיינען באַלד אַלע יידישע אויסגאַבן פאַרמאַכט געוואָרן, אין קאָוונע און אויך אין ווילנע.

דער „קאָוונער עמעס" און אויך דער „ווילנער עמעס" אין פאָנעטישן אויסלייג און סאָוויעטישן אינהאַלט, באַווייזן זיך באַלד אויף די גאַסן. און די דערמאָנטע יונג־ווילנער ווערן זייערע מיטאַרבעטער.

מיט אָט דער אָקופּאַציע פון ווילנע דורך דער רויטער אַרמיי, ווערט אָפּגעשלאָסן און פאַרענדיקט די עפּאָכע פון אַלט־ווילנע און אויך פון יונג־ווילנע.

די גרופּע פאַלט זיך פונאַנדער און גייט פאַקטיש אונטער. און די באַרופענע שריפטשטעלער הייבן אָן צו פאַרנעמען זייער אָרט אין דער ליטעראַטור, ווי יחידים.

דעם 22־טן יוני 1941 באַפאַלט היטלער דעם סאָוויעטנפאַרבאַנד, און דעם 23־טן יוני פאַרנעמען די נאַצי־כוליגאַנעס ווילנע.

די מלחמה, ווי באַקאַנט, רופט אַרויס אין דער סאָוויעטישער ליטעראַטור שטאַרקע נאַציאָנאַלע געפילן. רוסישע דיכטער הויבן אָן צו שרייבן איבער נאַציאָנאַלע טראַדיציעס און ליבשאַפט צום אייגענעם פאָלק. דאָס זעלבע הויבט זיך אויך אָן צו פילן ביי די יידיש־סאָוויעטישע דיכטער. און אויב חיים גראַדע און אויך אברהם סוצקעווער האָבן ביז איצט געפּרוווט זיך צופּאַסן צום סאָוויעטישן רעזשים, קערן זיי זיך באַלד צוריק צו זייערע אָריגינעלע קוואַלן פון שאַפן, און זייערע אַרבעטן באַקומען ווידער אַ באַנייטן תיקון.

סוצקעווער און שמערקע קאַטשערגינסקי ע"ה זיינען אין יוני 1941 פאַרבליבן אין ווילנע, צוליב דעם וואָס זיי האָבן ביידע נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך צו עוואַקויִרן.

ביים אָנהויב פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע האָבן קאַטשערגינסקי און סוצקעווער גענומען אַ זער אַקטיוון אַנטייל אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דער געטאָ. זיי האָבן ביידע געהאָלפן אָרגאַניזירן אַ פאָלקס־אוניווערזיטעט, כאָר, טעאַטער און אויך אַ פאָלקס־ביבליאָטעק. זיי האָבן אפילו אויך באַוויזן אַרויסצוגעבן אַ מימיאָגראַפירטן געטאָ־בולעטין.

סוצקעווער האָט אגב אין ווילנער געטאָ געשריבן אַ סך לידער, וואָס זיינען געהיים פאַרשפרייט געוואָרן. פאַר זיין דראַמאַטישער פּאָעמע „דאָס קבר־קינד", האָט ער אפילו באַקומען די ערשטע ליטעראַטור־פּרעמיע פון דער ווילנער געטאָ.

בשעת די נאַצישע „פּראָפעסאָרן" זיינען געקומען קיין ווילנע און גענומען



צעפּלינדערן און אַוועקרויבן די אָנגעזאַמלטע קולטור־אוצרות פון דער סטראַשון ביבליאָטעק און פון דעם ייוו"אָ, און זיי האָבן געצווונגען סוצקעווערן מיט קאַטשערגינסקין פאַר זיי צו פאַרפּאַקן די ווערטפולסטע ביכער, האָבן זיי ביידע אַרויסגעראַטעוועט אַ סך דאָקומענטן און זיי פאַרגראָבן אין דער ערד. דורך זייער באַמיאונג זיינען אַזוי אַרום אָפּגעראַטעוועט געוואָרן אַ סך ווערטפולע קולטור־אוצרות.

און אַז די נאַציס האָבן גאָר גענומען ליקווידירן די ווילנער געטאָ, האָט דער זעלבער סוצקעווער געקעמפט מיט געווער אין דער האַנט. דערנאָך זיינען די צוויי חברים, קאַטשערגינסקי און סוצקעווער, אין סעפּטעמבער 1943, אַנטלאָפן אין די וועלדער און צוזאַמען מיט די פּאַרטיזאַנער געקעמפט קעגן די נאַציס, ביז זיי זיינען ביידע באַפרייט געוואָרן, אין זומער 1944.

סוצקעווער, וואָס האָט באַלד ביים אָנהויב פון זיין שאַפן גענומען זוכן און טאַקע אויך געפונען נייע פאָרמען פאַר זיין דיכטונג, האָט זיך אַנטוויקלט צו ווערן אַ טראַגישע דיכטערישע פערזענלעכקייט ביי יידן, אַ דאַנק דער טרויעריקסטער וואָר און טראַגישסטער דערפאַרונג זיינער, אין דער תקופה פון דעם שוידערלעכסטן איבערברוך אין אונזער פאָלקס־לעבן. צוליב דעם אפשר אַליין, ווי אַ צוגאָב צו דער גרויסקייט און עכטקייט פון זיין דיכטונג, איז ער, אין זיין גאַנג אין אונזער דיכטונג, דורכאויס אינדיווידועל, אין דעם זין פון וועלן און טאַקע אויך גיין באַזונדער און אַליין, מיט זיין אייגענעם לשון, אופן פון גראַם־המצאות און אפילו אויפרייס פון ווערטער, אָריגינעלן אויפהעל פון די זעלטנסטע וויזיעס און דורכאויס זעלטענע און זעלבסטשטענדיקע מאָטיוון פון מאַרטירערשאַפט, אויף דער פאָן פון זיינע דערמאָנטע און בלוטיקסטע דערפאַרונגען.

„מיין שטים זאָל וואַנדערן באַזונדער צווישן אַלע ריידער!" אַזן זיין ליד „פּאַריז", אין זיין בוך „יידישע גאַס" — איז דעריבער נישט נאָר די תפילה פון זיין אייגן האַרץ, נאָר קאָן דער עיִקר אויך דינען ווי אַ שליסל צו זיין דיכטערישער פערזענלעכקייט, וואָס ווערט אַלץ אינטערעסאַנטער און רייפער, קאָלירפולער און אויך — וויל איך צוגעבן — מער פּראָבלעמאַטיש, מיט יעדן נייע צוגעקומענעם ווערק זיינעם, לויט די אומגעוויינלעכע דערפאַרונגען זיינע, וואָס האָבן געפונען אַזאַ שאַרפן אויסדרוק אין די לידער זיינע.

סוצקעווער איבערטרייבט אויף אַ האָר נישט, ווען ער זינגט:

דורך מיר אַליין דעם וואַנדער פונם וואַנדערפאָלק אין מערק,
און תפילה טו איך צו אַ קלאָרקייט דורכזעאיק געשליפן,
אַ קלאָרקייט ווי ביים דיכטער ווען עס עפנט אים זיין ווערק,
אַ רגע בלויז די ניט־אַנטפּלעקטע אָפּגרונטן און טיפן.

און אָט די קלאָרקייט אַליין פאַרשותפט זיך אגב צו דער עשירות פון זיין געדאַנק, וואָס שלאָגט מיט האָפענונג, טרייסט און בטחון.

די מערסטע פון די ביכער זיינע זיינען געשריבן אויף דער פאָן פון דער

טראַגיק פון אונזער פאָלק. אפילו דאָס נייסטע בוך זיינס, א. נ. „אין פייער־וואָגן“, אין וועלכן עס האָט זיך שוין פאַרפערלט די מאָזאַאיק פון ארץ ישראל — אָטעמט מיט דער טיפסטער טראַגיק פון יידישן אומקום. בדרך כלל האַלט איך אָבער, אויף דער באַזע פון זיינע לידער, אַז אברהם סוצקעווער איז אַ גלויביקער דיכטער, וואָס גלויבט באמונה שלימה, ווי מיר אַלע באַדאַרפן און זאָלן גלויבן — אין נצח ישראל. זעט, אדרבה, ווי ער פינקלט מיט בטחון:

דיין פאַלן איז שטענדיק אַ בשורה:
די אויסלייזונג רייסט זיך פון קייט.
ווי אָנגעגליט אייזן אין וואַסער, פאַרשטאָלט איז דיין שוואַכקייט אין ווייטיק,

און ווער עס דערפילט אַזאַ גבורה —
דער האָט שוין זיין לעבן באַשיידט.

סוצקעווערס גלויבן אין דעם כוח פון דעם יידישן וואָרט, האָט אים דערפירט צו אַבסאָלוטן חידוש פון קענען אויפרייסן און צעשפּליטערן אונזער יידיש וואָרט מיט אָריגינעלן כוח און עס שטעלן אין דינסט פון די צאַרט און דינסטע ניואַנסן פון זיינע דורכאויס אייגענע עמאָציעס, און אפילו דאָס שווייגן און שטיל זיין (אין זיינע לידער א. נ. „ווו שטילקייט ראַנגלט זיך מיט שווייגן“ — בוך: „אין פייער־וואָגן“) נעבן דעם געהעריקן אויסדרוק אין דעם וווּנדער פון אַ סך פון זיינע באַלד אומצייליקע לידער, ווי למשל ער זינגט אין זיין לירישער פאָעמע „איך האָב געזוכט דעם ניט־אַנטפּלעקטן שווייגן“:

און וווּנדער איז געשען: אַ גאָלדן פונקל
האָט דורכגעשוויגן מיין געליימטע צונג,
און גאָר די וועלט אין אַשיקן געטונקל
איז אויפגעגאַנגען בראשיתדיק און יונג
צוזאַמען מיט מיין גייסט. דאָס האָט דאָס שווייגן
זיין מלאך־וואָרט מיר פאָטעריש פאַרטרויט.
אַצינד וועל איך שוין קענען שטייגן, שטייגן
אַהין, ווו עס דערקלעטערט ניט דער טויט.

ווען נאָך, פרעג איך, האָט ביי אונז דאָס שווייגן זיין מלאך־וואָרט פאַרטרויט?

און ווער נאָך ווי סוצקעווער האָט ביי אונז אַזוי טרעפלעך איבערגעדיכטעט דאָס שווייגן אין אַזאַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, אין ריטם און אין וואָרט?

אין דעם שטייגן זיינעם ווי אַ דיכטער, ליגט דער שליסל צו זיין דיכטערישער פערזענלעכקייט וואָס האָט זיך ערשט אויפסניי באַנייט, מיט זיין נייסטן ספר: „אָדע צו דער טויב“, וואָס איז די קרוינונג פון אברהם סוצקעווערס וואָרט אין אונזער ליטעראַטור.



[illegible] ש. ל.

# יידיש טעאַטער אין לאָנדאָן

אָן שרייענדיקע רעקלאַמעס און אָן די סקאַרבאָווע קולות־וברקימדיקע הבטחות, האָט זיך אָנגעהויבן דער נייער סעזאָן אין אונזער היימישן „גרענד פאַלעי“ טעאַטער, וועלכער איז עד־היום די איינציקע, על־פי־נס פאַרבליבענע יידישע טעאַטער־פּאָזיציע אין אייראָפּע.

ווען די „ראָמאַנטישע“ לעמפלעך פון דער ראַמפּע האָבן זיך אָנגעצונדן און דאָס אָרקעסטערל האָט אויפגעשפּילט די סימפּאַטישע ניגונים פון דער פּיעסע, האָבן הונדערטער יידישע הערצער אינם טעאַטער־זאַל ווי אויפגעציטערט. אַלעמענס בליקן זענען ווי צוגעשמידט געוואָרן צום פאָרהאַנג און מיט אַ נערוועזער געשפּאַנטקייט געוואַרט אויף דעם „הייליקן מאָמענט“, ווען די פאָרשטעלונג וועט זיך אָנהויבן.

אין אָט די דאָזיקע מינוטן פון דערוואַרטונג האָט זיך אַ טראַכט געטון וועגן דעם גרויסן נס, וואָס עס פאַרלויפט זיך, טאַקע און בפירוש, מיט אונזער ליבהאַרציקן יידישן טעאַטער אין לאָנדאָן. אָט גוסס׳ט דאָס אַלגעמיינע (פון אונזער שטאַנדפּונקט) יידישע לעבן אין דעם היגן ישוב, און אָט זיץ איך צוזאַמען מיט הונדערטער, נאָך אַ יידיש וואָרט פאַרבענקטע און אויסגעהונגערטע יידן, כדי צו זעען אַ יידישע טעאַטער פאָרשטעלונג.

אַ נס, ווילט זיך זאָגן. יאָ, באמנות, ווי אַ נס...

די געשיכטע פון יידישן טעאַטער, זיין אַנטשטייאונג, געראַנגל און עקזיסטענץ, איז אַ לאַנגע קייט פון גרויסע נסים ונפלאות. אָבער נאָך גרעסער איז דאָס נס, אַז אין דעם יידיש פאַרמדברטן לאָנדאָן, שפּילט מען זינט די לעצטע פופציק יאָר, נאַכט־איין, נאַכט־אויס (אָן די פרייטיק־צו־נאַכטן) יידיש טעאַטער, צו עטלעכע און פערציק וואָכן אין יאָר!

איז דאָס נישט איינער פון די באמת גרויסע נסים אינם לאָנדאָנער יידישן לעבן?

די שטענדיקע חברים־טרופּע פון „גרענד פאַלעי“ טעאַטער איז לכבוד דעם נייעם סעזאָן פאַרשטאַרקט געוואָרן מיט דריי נייע געסט (נישט קיין אַמעריקאַנער, חלילה), נאָר מיט אונזערע היימישע, פאָלקסטימלעכע בינע־קינסטלער, אין וועמענס הערצער עס טליעט נאָך די קדושה פון יידיש מאַמע־לשון.

קודם־כל ווילט זיך באַגריסן מיט דעם יידיש־טראַדיציאָנעלן „סקאָצל־קומט“ די פיינע אַקטריסע עטאַ טאָפּעל, וועמען דער גורל האָט (צוזאַמען מיט איר מאַן, דעם אַקטיאָר מאַרק מאַרקאָוו) פאַרוואָרפן אין אַ גלות, וואָס הייסט דרום־ראָדעסיע. טאַקע פון דאָרט קומט איצט עטאַ טאָפּעל, כדי מהנה צו זיין דעם היגן עולם מיט יידיש טעאַטער.

אין משך פון די לעצטע זיבן יאָר איז עטאַ טאָפּעל געוואָרן שוישפּילעריש נאָך רייפער, ווי זי איז געווען פריער. זי איז אַן אויסגעצייכנטע אַקטריסע, פאַר־

מאַגט חן אויף דער בינע און איז ראוי צו פאַרנעמען דעם בכבודיקסטן פּלאַץ אויף יעדער יידישער בינע, און אין יעדער פּיעסע, אָן אויסנאַם.

עטאַ טאָפּעל האָט נאָך אַ סך צו געבן דעם יידישן טעאַטער. איר טאַלאַנט איז נאָך נישט ווי געהעריק אויסגענוצט געוואָרן.

לעאָ בלומענזאָן, וועלכער האָט, מחמת פאַרשידענע, אפשר פון אים נישט אָפּהענגיקע סיבות, שוין עטלעכע מאָל זיך געזעגנט מיט די ברעטער פון דער יידישער בינע, קומט כסדר צוריק צו דער יידישער טעאַטער־מאַמע, וואָס האָט אים אויסגעהאָדעוועט פאַר אָט דער עבודה. ס׳איז בכלל שווער צו אַנטלויפן פונם פּערזענלעכן גורל. אָבער נאָך שווערער איז פאַר אַ יידישן אַקטיאָר, וואָס האָט די שענסטע יאָרן פון זיין לעבן פאַרברענגט אין דער סביבה פון יידישן טעאַטער, צו פאַרלאָזן די דאָזיקע סביבה.

בכן: ברוך־הבא, לעאָ בלומענזאָן, לכבוד אייער גאַסטראָל אין לאָנדאָן און לאָמיר האָפן, אַז איר וועט ווידער נישט מאַכן קיין „ויברח" פון יידישן טעאַטער.

דער דריטער גאַסט הייסט משה זאמאר, וועלכער איז געווען אומבאַקאַנט דעם היגן יידישן טעאַטער־באַזוכער. אָבער שוין ביי דער דערעפנונג־פאַרשטעלונג, אָפּזינגענדיק אַ „חזניש שטיקל", האָט ער ממש „גענומען דעם עולם". משה זאמאר פאַרמאָגט אַ שיינע, מחיהדיקע שטימע. ער איז אַ יונגער שוישפּילער, פון דער „נאָדל אַרויס", און מיר וועלן פון אים נאָך נחת האָבן.

וואָס שייך דעם רעפּערטואַר, ווילט זיך זאָגן בקיצור אָט וואָס:

אוודאי וואָלטן מיר געוואָלט, אַז אָנשטאָט די לייכטע קאָמעדיעלעך, מעלאָדראַמקעס און אָפּערעטקעלעך, זאָל פון צייט צו צייט אויך אויפגעפירט ווערן אַ פּיעסע פון דעם בעסערן יידישן רעפּערטואַר. אָבער ווידער די אַלט־באַקאַנטע טענה: פאַר וועמען זאָלן געשפּילט ווערן די „שווערע" פּיעסן, אַז עס געפינען זיך ווייניק בעלנים פאַר אַזעלכע אויפפירונגען? קעגן וועמען זאָלן אונזערע יידישע אַקטיאָרן, בשותפות מיט דער פאַרוואַלטונג פונם „גרענד־פּאַלעי" טעאַטער, פירן אַ מלחמה, אַז עס זענען ממש נישטאָ קיין שונאים — דאָס הייסט דער אינטעליגענטער יידישער עולם, וואָס זאָל אויפנעמען דעם דאָזיקן קאַמף...

לאָמיר איינמאָל פאַר אַלעמאָל געדענקען דעם כלל, אַז יעדער יידישער אַקטיאָר (אפשר מיט ווינציקע אויסנאַמען) וויל שפּילן אין בעסערע פּיעסן. אָבער זיי דאַרפן האָבן די אוידיטאָריע, פאַר וועמען צו שפּילן אַזאַ פּיעסע. און די דאָזיקע אוידיטאָריע איז נישטאָ, ממש נישט בנמצא! חוץ דעם: דאָס „גרענד־פּאַלעי" טעאַטער געניסט נישט פון קיין שום סובסידיע. די חברים־טרופּע איז אָנגעוויזן אויף די הכנסות פון דעם „קאַסע־פענסטערל" און פון די פאַרקויפטע בענעפיס־פאַרשטעלונגען צו די פאַרשידענע יידישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס ווילן נישט קיין „שווערע" פּיעסן, נאָר מאכלים, וואָס זייער עולם קאָן פאַרדייען. והשנית: קיין שום רעפּערטואַר־טעאַטער, וואָס איז געצוווּנגען יעדע וואָך אויפצופירן אַ „נייע" פּיעסע, קאָן זיך נישט דערלויבן דעם לוקסוס צו עקספּערימענטירן, אינם פּרט פון רעפּערטואַר, ווייל עס דראָט אַ גרויסע סכנה דעם „קאַסע־



פענסטערל", וואָס איז נישט בלויז דער איינציקער שפּייזער פון דעם אַנסאַמבל נאָר אַ וויכטיקער אָנלען פאַרן טעאַטער און זיין עקזיסטענץ.

אָט די בקיצור דאָ דערמאָנטע סיבות זענען, צום באַדויערן, די פאַקטאָרן וואָס דינען ווי אַ וועג־ווייזער אין פּרט פון רעפּערטואַר פאַר אונזער לאָנדאָנער יידישן טעאַטער.

און מיט דעם מוזן מיר זיך רעכענען.

---

## מ. אלמאן

# נאטיצן פון א לייענער

אברהם רייזען אויסגעטיילטע ווערק, פארלאג „יידיש בוך", וואַרשע, 1955, ערשטער באַנד.

אַז איך האָב דערזען די רייזען־אויסגאַבע פון וואַרשע האָב איך אַ כאַפּ געטאָן דאָס בוך אין האַנט אַריין און תיכף אָנגעהויבן עס בלעטערן.

ס׳איז דאָך עפּעס מיין באַליבטער דיכטער, וועלכן מ׳האָט מיט לייכטקייט געלייענט און פאַרשטאַנען. און איז דאָך דאָס בוך דערשינען אין מיין היימלאַנד, פּוילן . . .

דער ערשטער באַנד נעמט אַרום: (א) אַן אַריינפיר־וואָרט וואָס ס׳האָט אָנגעשריבן צו דער אויסגאַבע ב. מאַרק; (ב) די זאַמלונג פון פאַקטישן רייזען־מאַטעריאַל, פּראָזע און פּאָעזיע און (ג) דערקלערונגען.

ווי ס׳פירט זיך, האָט דעם אָפּקלייב פון מאַטעריאַל געמאַכט אַ רעדאַקטאָר לויט זיין געשמאַק און איינזען. אויב דער רעדאַקטאָר קאָרעגירט נאָר נישט דעם שרייבער, איז שוין גוט. פון די, מיר באַקאַנטע זאַכן זע איך נישט, אַז דער רעדאַקטאָר זאָל זיך דאָ האָבן אַריינגעמישט צום דיכטערס שאַפונג.

דאָס אַריינפיר־וואָרט פּאַסט אָבער נישט פאַרן שטילן, באַליבטן ביים פאָלק, דיכטער. מילא, אַריינטייטשן מעג יעדער לויט זיין באַנעם און אינטענציע, אָבער אין די ראָמאַן פון ווירקלעך געשאַפענעם, פאַרשטעלן דעם דיכטערס לעבן אין אַמעריקע ווי אַ טראַגעדיע, וועלכע ער האָט שוין פאָרויסגעזען אין זיינס אַ פאַרעפנטלעכט ליד נאָך אין יאָר 1908 (ז. 12), איז איבערגעכאַפּט די מאָס.

א. רייזען, וועלכער שטאַמט פון ווייסרוסישן שטעטל קוידאַנאָוו אין מינסקער געגנט (אַזוי איז אָנגעגעבן אויף ז. 5) איז געשטאָרבן אויף דער עלטער אין אַמעריקע מיט אַ נאַטירלעכן טויט. אנאלאָגיש גענומען, ווען ער וואָלט זיך געווען געפונען אַלס יידישער דיכטער אין זיין היימלאַנד, ווייסרוסלאַנד, וואָלט ער דען געווען אויסגעמיטן די אמתע טראַגעדיע?

צו וואָס זשע אַרויסרופן דעם וואָלף פון וואַלד אַרויס?

ווען כ׳בין צוגעקומען צו די דערקלערונגען, וואָס נעמען אַרום 21 זייטן דאָס גאַנצעבוך האָט ביז די דערקל. 361 זייטן) האָב איך זיך געשטעלט די פראַגע: פאַר וועמען איז באַשטימט דאָס בוך? אויב פאַר קינדער, זענען די דער־

קלערונגען צו שווער אַן לערערס הילף; אויב פאַר דערוואַקסענע — איז דאָס אַ שלעכטער אַטעסטאַט פאַר די יידן אין פוילן.

מילא, ס׳קען נאָך זיין אַ רייד וועגן העלפן לייענען די העברעאיזמען אין דער יידישער שפראַך; העלפן פאַרטייטשן העברעאישע פסוקים, אָבער פאַרטייטשן יידיש, פאַראַפראַזירן איינגעוואַקסענע העברעאישע ווערטער פון דער יידישער שפראַך?

לאָמיר זען עטלעכע ביישפּילן לויטן א״ב:

אברהם (אַווראַהאָם) — אַ נאָמען; גאָט מיין איינער, אַבראַם איז אַזוי פּאָפּולער אַלס נאָמען אין סאָוועט־רוסלאַנד, אַז ער דינט די דאָרטיקע אַנטיסעמיטן ווי אַ סינאָנים פאַרן וואָרט זשיד. פאַרטייטשט מען ערשט, אַז אברהם איז אַ נאָמען.

אביון (עוויען) — גרויסער אָרעמאַן (נישט אַן אַסאָציאַציעס!)

אתרוג (עסרעג) — אַ ציטרינאַרטיקע פרוכט, וואָס ווערט געברויכט ביי רעליגיעזע יידן צום ריטואַל פון „אתרוג־בענטשן".

גנב (גאַנעוו) — שווינדלער.

דירה (דירע) — וווינונג.

דלות (דאַלעס) — אָרעמקייט, נויט.

הקפה (האַקאָפע) — אין סימכעס־טוירע גייען פרומע יידן מיט סייפער־טוירעס אַרום בעלעמער — דאָס הייסט הקפה.

זקן (זאָקן) — אַלטער מאַן.

חופה (כופע) — באַלדאַכין, אונטער וועלכן מען פירט דורך די כאַסענע־צערעמאָניע.

טלית (טאַלעס) — אַ מין מאַלבעש, וואָס באַוויבטע יידן טראָגן ביים דאַוונען.

סוכות (סוקעס) — נאָמען פון אַ (יידישן! מ.א.) יאָנטעוו. פאַלט אויס אין הערבסט.

פטום (פּיטעם) — שפּיץ פון אַן עסרעג. כדאי דאָ צו באַמערקן, אַז ס׳איז נישט סתם אַ שפּיץ (זע שלום עליכמס „אַ פאַרשטערטער אתרוג").

די פאָר ביישפּילן גיבן אַ קלאָר בילד וועגן דעם צו וואָס די דערקלערונגען צילן. קלאָר, עס ווייזט די איבעראַנדערשונג פונם יידישן לעבן, יידישן שטייגער און יידישער שפראַך.

און צוריקגעשמועסט, אומעטום קומט דאָך פאָר איצטער אַן איבעראַנדערשונג פון יידן...

די דערקלערונגען רופן אַרויס, בעתן לייענען זיי, אַ געוויסן הומאָר און ס׳איז צו האָפן, אַז די קליינקונסט אַרטיסטן (למשל דזשיגאַן און שומאַכער) וועלן דאַרפן אָנקומען צו זיי.

מאַנטשעסטער, דעם 14־טן סעפּט. 1955.

דער צווייטער טייל פון די „נאָטיצן", איבער אליהו פאַלושאַקס „שולדיק אָדער נישט שולדיק" איי. קומענדיקן נומער.

ד.ר.

---

## קומט צו די יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס

---



## צום 70־יאָריקן יובל פונם „אַרבעטער פריינט"

נאָך דער „70־יאָריקער יובל־פייערונג פון דער סאָציאַליסטישער פרעסע", וועלכע איז פאָרגעקומען זונטיק, דעם 30־טן אָקטאָבער, אין אַרבעטער־רינג איינגעאָרדנט פון דער „גרופּע פרייע אַרבעטער שטימע", אויף וועלכער דער אַרבעטער טוער און היסטאָריקער א. ר. ראָלין האָט געהאַלטן אַ לעקציע איבער די ראשונים פון דער אַרבעטער פרעסע, אהרן ליבערמאַן, מאָריס ווינטשעווסקי, א.אַ. און דער רעדאַקטאָר פון „פרידאָם", פיליפּ סענסאָם, האָט גערעדט איבער דער איינגעבוירענער קאָסמאָפּאָליטישקייט פונם יידישן אַרבעטער און דער גאַסט פונם אָוונט דר. קרוק האָט מיט רעכט באַשולדיקט: וואָס אויף אַ יובל פון דער פרעסע זעט מען נישט די לאָנדאָנער יידישע שרייבער, בין איך געבליבן אַליין אין אויסגעליידיקט ווייטשעפּל ווי אויפן וואַסער, כאָטש זיך נאָר אַ מעשה אָנצוטון, „חברותא או מתיתא", טאַקע ווי יענער ערשטער רעדאַקטאָר פונם „אמת" אהרן ליבערמאַן.

ערשט מיט אַ פאָר שעה פריער איז געווען לעבעדיק אין יידישן ווייטשעפּל, דער פּראָטעסט־מיטינג קייגן דער אַראַבישער באַוואָפנונג האָט אויף אַ פאָר שעה אויפגעקאָכט דעם שארית פון די יידישע געסלעך דאָ, עס האָט זיך געדאַכט עס איז חדש ימינו כקדם. און ווידער שאַ, שטיל, טויט, דער אָנהויב פון אַ פאַגע וואָרגט און דישעט.

איצט אין יידישן ווייטשעפּל, מוז מען שוין גוט אָנקוקן אַ מענטש און דערקענען, אויב ס׳איז אַ ייד. איך געהער טאַקע אויך צו דער קאָסמאָפּאָליטישער אומה, אָבער ביינאַכט אין נעפּל ווילט זיך מיר דאָך ליבער אָנטרעפן אַן אייגענעם, איידער אַ פרעמד־הויטיקן, וועלכע זיינען איצט די „נייטיווס" פונם אַמאָליקן אַזוי יידישלעכן פּראָלעטאַרישן ווייטשעפּל.

ווי איך פלעג ליב האָבן צו שפּאַצירן אין דער דאָזיקער קאַלטער לאָנדאָנער־לאַנדשאַפט, אין די פאָגע נעכט! וואָלט ליסקי דאָ געווען, אָדער כאָטש דאָמב, וואָלטן מיר געגאַנגען עסן אונזער באַליבטע הייסע קאַשע און מיט אַ דברים־בטלימדיקן שיחת־חולין, ווי נישט איז, פאַרענטפערט דעם באָמבלדיק באָמבעדיקן: „פרעגט די וועלט די אַלטע קשיא"...

אינם סאַמעטענעם גרויסן קאַפּעלוש דערקען איך שוין אַז ס׳איז אַ כלי־קודש און ווען ער קומט נענטער דערקען איך אַז ס׳איז אַן אייגענער, דער אַמאָליקער יידישער פאַרלעגער, פריינט זוסמאַן.

ער הערט ווי דער „פאָג" וואָרגט מיך, ווען איך דערצייל אים פון וואָסער יום טוב איך גיי, זאָגט ער צו מיר, קומט אַריין, טאַקע אין דעם נעקסטן „פּאַב", וועלן מיר נעמען אַ וויסקי, קודם וועט אייך לייכטער ווערן, והשנית וועלן מיר באַגיסן דעם יובל. קומט אַריין וועט איר הערן, אַז מיטן „אַרבעטער פריינט" בין איך אויך אַ שטיקל מחותן.

מיר נעמען איינס, און איך זע, אַז ס׳איז כי־טוב, נעמען מיר נאָך איינס און דאָס איז דאָס פאַרבייסן וואָס ס׳איז אַזוי גוט געווען פאַרן האַרץ, בעסער נאָך ווי די בדוק ומנוסהדיקע וויסקיס פאַר די בראָנכייטיס:

זעט איר, דאָ האָט געוווינט אברהמל (דר. מאַרגאָליס) און דאָ אַקייגנאיבער — מאַרמאָר. ווען איך האָב אַרויסגעגעבן „דע פּראָפינדיס" מיט דער הקדמה פון דר. עליאַשעוו. איך האָב דאָס בוך געדרוקט אין דער דרוקעריי פונם „אַרבעטער פריינט". עס האָט געפעלט 6 פונט פאַרן דרוקער, האָט מאַרמאָרס ווייב אַראָפּגענומען איר דימאַנטענעם רינג און אים פאַרזעצט.

איר זעט, אין דעם קעלער־שטיבל איז געווען דער שמחה־באַנקעט מיט אַ געקוילעטן הערינג, ווען דאָס בוך איז אַרויס און נאָך אַנדערע צוויי ביכער זיינען

אַרייַן אין דרוק: אַ ראָמאַן פון הוגאָ און אַ דראַמע פון מעטערלינק — אויף דער שמחה האָט „פּיטער דער פּיינטער" נאָך מיטגעהוליעט, און נישט איין וואָדקאַ אויסגעטרונקן.

לעגענדאַריש איז געווען די יידיש ליטעראַרישע אַרבעט דעמאָלט! צייטונגען, זשורנאַלן, ביכער — גויים האָבן זיך אויסגעלערנט יידיש — ס'איז געווען אַ יידישער קאָנסומענט! אין יענע צייטן האָט אַ שניידער, מיטן נאָמען פרידמאַן, באַצאָלט די גאַנצע פיל־בענדיקע אויסגאַבע פון דר. בערנשטיינס „נאַטור וויסנשאַפט".

ווייסט איר וואָס דעמאָלט איז געווען אין לאָנדאָן? עס האָט געקאָכט מיט יידן, מיט מאַסן פאַרזאַמלונגען, מיט קולטור פאַרזאַמלונגען, מיט ליטעראַרישע לעקציעס. אַז אַ שניידער האָט פאַרדינט אַ וואָך 25 שילינג האָט ער אויסגעגעבן פאַר קולטור און ליטעראַטור 15 שילינג.

מאָריס מייער און לאַש זיינען דעמאָלט געווען די זעצערס און מיכלע איז געווען דער מייסטער — איר קענט דאָך מיכלען!

עס האָט דאָ געראַיעט מיט קולטור און ליטעראַטור פון פרומקין און זאַלקין ביז אברהם רייזען און וועוויאָרקע און ערשט דאָס יידישע טעאַטער.

ביי דער חורבה פונם פּאַוויליאָן טעאַטער האָבן מיר זיך געזעגנט און גייענדיק איבער ווייטשעפּל האָב איך אַליין נאָך געפייערט דעם יום טוב פון דער יידישער פרעסע — כ'האָב געפילט אונטער מיר די פוס־טריט פון מאָריס ווינטשעווסקי, פון קאַרל מאַרמאָר, פון יוסף חיים ברענער. איך האָב געטאַפּט אין בוזעם דאָס אויסגעזעצטע מאַטעריאַל פון „לשון און לעבן" פאַר דעם חודש, וועלכער פייערט אויך אַ שטילן יובל און האָב געוווסט, אַז דער נומער וועט אַרויס. עס זיינען טאַקע מער נישטאָ יענע שריפטשטעלער פרויען, וואָס וועלן פאַרזעצן זייער דימאַנטענעם רינג כדי ס'זאָל זיין צו באַצאָלן פאַרן דרוקער, עס זיינען אויך נישט מער דאָ יענע אידעאַליסטישע אַרבעטער, וואָס טיילן אָפּ דעם ביסן פון מויל, כדי יידישע ביכער זאָלן דערשיינען, אָבער פון יענע רינגען זיינען געריגנגעלט אונזער גאָלדענע קייט — זי איז נישט קיין דיוויסקע אויף אַן אַראָפּהענגענדיקן פּעמפּיק! — זי איז געוואָרן טראַדיציע און זי ציט זיך אין אונזער אייביקייט, נאָר מיט אונזער לעבן איבערגעריסן צו ווערן.

און אויב „פריינט פון יידיש לשון" גרייט איצט צו אַ באַנקעט צו די 15 יאָר פון דערשיינען פון „לשון און לעבן" איז די פייערונג פאַר אָט די באַשיידענע יחידים אונזערע, די ביעטשס און גאָלדבערגס, די בעקערמאַנס, רובינס און די ווייסגראָזס און די „אומבאַקאַנטע סאָלדאַטן", די לעמעלס און ביילים, פייגנבלומס א.א., די נאָך שטייענדיקע ביי אונז אַרבעט און די אָפּגעפאַלענע, וואָס העלפן מיטטראָגן דעם עול פון ביסעלע טעטיקייט—פון דער שווער אָנגעהאַרעוועטע ירושה־טראַדיציע, אַפילו דאָ אין אונזער גרוי פאַרנעפּלטן און קאַלטן לאָנדאָן. ש.

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאָכמיטאָגס

אין בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, 33 בערנער סט., לאָנדאָן, א.1. 3 אַזייגער

שבת, דעם 5־טן נאָוועמבער — אבגדור פישלער: די לאַגע אין ישראל.

שבת, דעם 12־טן — דר. יוסף קרוק, דער גאַסט פונם שבת.

שבת, דעם 19־טן — עטא טאָפּאַל, לעאָן בלומענזאָן און משה זאַמער.

שבת, דעם 26־טן — פריינט לעוו: סאַטירע אין דער יידישער ליטעראַטור.



# לאָנדאָנער קולטור ידיעות

ש. י. האַרענדאָרף איז איצט אָפּגעפלויגן אויף אַ קורצן באַזוך קיין ישראל. מיר װינטשן אים אַ האַרציקן צאתכם לשלום און מיר װאַרטן אויף די גוטע בשורות װאָס ער װעט אונז מיטברענגען.

* * *

באַקאַלטשעק־פּעלין, ג.ר. פון „דרום־אַפריקאַ", װעלכער האָט געװיילט דאָ אין לאָנדאָן, װעמענס בוך פון פּאַרטיזאַנער־לעבן דערשיינט אין אַן ענגלישער איבערזעצונג אין פאַרלאַג פון זדזשואיש קראָניקל"", האָט געהאַלטן אַ פאָרטראַג ביי די יידיש־ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס און איז אויפגענומען געװאָרן ביי אַ חבריש גלעזל־טיי פון „פריינט פון יידיש לשון". י. ביעטש האָט געפירט דעם פאָרזיץ.

* * *

אין אַרבעטער רינג האָט די „גרופּע פרייע אַרבעטער שטימע" איינגעאָרדנט דעם 70־יאָריקן יובל פון דער „אַרבעטער צייטונג". עס האָבן גערעדט: א. ראָלין, פיליפּ סענסאָם' דר. קרוק, י. װ. פּאָדאָלסקי און א. א. סעם דרין האָט געפירט דעם פאָרזיץ.

* * *

אין דער לעצטער לעבעדיקער צייטונג אין דער קאַמערשל רויד שול איינגעאָרדנט פונם יידישן װעלט קאָנגרעס האָבן זיך באַטייליקט: דר. עזרא סאָסנאָװיטש, דר. י. מייטליס, ש. גאָלדשמידט, און רעװ. גאָטליב. דעם פאָרזיץ האָט געפירט יוסף פרענקל.

* * *

די ענגליש־יידישע שרייבערין, ביטריס בעקערמאַן, װעמענס דערציילונגען אין יידישער איבערזעצונג האָבן זיך געדרוקט אין „לשון און לעבן"' איז געשטאָרבן.

* * *

י. א. ליסקיס קונסט אויסגאַבע „דער האָן" אין ענגלישער איבערזעצונג מיט די צייכנונגען פונם באַװוסטן מאָלער באהיש שישקאָ, מאַכט אַ גוטן איינדרוק.

* * *

„דער נייער אַמעריקאַנער", די צייט־אָפּערעטע, װאָס װערט אויפגעפירט אין גרענדפּאַליי פון דער חברים־גרופּע מיט די סטאַרס עטאַ טאָפּעל, לעאָן בלומענזאָן און משה זאַמאַר, װעלכע איז באַאַרבעט געװאָרן פון א. מייזעלס, װערט געשפּילט מיט גרויס דערפאָלג.

* * *

דאָס אַקטיאָרן־פּאָרל, עלען װינאָגראַד און סעם גאָלדבערג, װעלכע זיינען צוריקגעקומען פון אַ טור איבערן קאָנטינענט, זיינען מיט גרויס דערפאָלג אויפגעטרעטן ביי די שבת־נאָכמיטאָגס מיט לידער פון געבירטיק און בראָדערזאָן.

* * *

די פאָרטראַגן פון שלמה אויערבאַך איבער די פּיוטים אין מחזור און אליהו פּאַלושאַקס איבערן יידישן פאָלקס־ליד ביי די שבת נאָכמיטאָגס, האָבן אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס ביים עולם.

* * *

פריינט פון יידיש לשון האָבן איינגעאָרדנט אַ יוסף ראָלניק געדענק־אָװנט. עס זיינען אויפגעטרעטן מיט אָפּשאַצונגען: י. א. ליסקי און מ. מינדעל. נעט רובין האָט ציטירט ראָלניקס לידער.

* * *

קומענדיקן חודש פייערט מען אין אַרבעטער רינג דעם 70־יאָריקן יובל פון באַקאַנטן אַרבעטער־ און קולטור־פירער, א. ראָלין.

* * *

אברהם סוצקעװער, װעלכער האָט געװיילט אין לאָנדאָן אַלס גאַסט פונם יידישן װעלט־קאָנגרעס, איז אויפגענומען געװאָרן אויף באַנקעטן און אָװנטן, װוּ דר. לעװענבערג און דר. שטיינבערג האָבן געפירט די פאָרזיצן.

* * *

אין רידינג־רום האָט דר. יעקב מייטליס געהאַלטן אַ פאָרטראַג: „דער װאַרשעװער רב רבי מייזעלס און זיין דור". פרוי רחל דון יחיא האָט געפירט דעם פאָרזיץ.

* * *

ביי דער רעאָרגאַניזאַציע פון „פריינט פון יידיש לשון"' װעסט ענד בראַנטש, איז אויסגעװיילט געװאָרן אַלס פאָרזיצער פריינט שפּיירא.

* * *

דר. יעקב מייטליס, אייזיק גאָלדבערג און דאָס אַקטיאָרן־פּאָרל עלען װינאָגראַד און סעם גאָלדבערג האָבן זיך באַטייליקט אויפן דינסטיק־װאָרט־קאָנצערט אונטערן קעפּל „אונזער שטעטל".

* * *

דער לאָנדאָנער באַליבטער אַקטיאָר אַריעל איז צוריקגעקומען פון זיין טור אין דרום־אַמעריקא.

## קולטור ידיעות (המשך)

דער באַוווסטער סקולפּטאָר מאַרק שוואַרץ האָט אַן אויסשטעלונג אין לאָנדאָן פון זיינע סקולפּטורן אין וועלכע עס געפינען זיך אַ סך ביבלישע מאָטיוון. די אויסשטעלונג האָט געעפנט דער פראַנצויזישער מיניסטער אין לאָנדאָן.

* * *

אין בעלגיע איז פאַראַן אַן אויסשטעלונג פון די בילדער פונם לאָנדאָנער באַוווסטן מאָלער, אַלווא.

* * *

אין דער שוייץ ווערט צוגעגרייט אַן אויסשטעלונג פונם באַוווסטן לאָנדאָנער מאָלער יוסף הערמאַן.

---

**מערקט אייך דעם דאַטום פון 10־טן דעצעמבער — דער חנוכה־באַל פון פריינט פון יידיש לשון צום ערשטן חנוכה־ליכטל.**

---

## מזל טוב

אַ האַרציקן מזל טוב צו **פּערסי** און **מיירא וויינרייך**, צום געבוירן פון זייער ערשטן קינד, אַן אייניקל פון **בעקי וויינרייך** — אַ נאָמען נאָכן זיידן, אונזער פריינט **איטשעלע וויינרייך** ע״ה.

---

## ביכער פון פארלאג „לשון און לעבן

| | |
|---|---|
| **„וויטשעפל לעבט“ (אַנטאָלאָגיע פון עטלעכע 20 יידישע שרייבער)** | **10/-** |
| **„שיידוועגן“, אַ בוך דערציילונגען פון י. ביעטש** | **10/-** |
| **„ווידערוווקס“, אַ בוך לידער פון א. נ. שטענצל** | **12/6** |
| „טעאַטער־קאַראַוואַנען“, פון ש. י. האַרענדאָרף | 15/6 |
| „פאַמאַכעט דער כעלעמער פּאָעט“, שמואל וואַהייט | 7/6 |

**מיט באַשטעלונגען זיך צו ווענדן אויפן אַדרעס פון:**

**LOSHN UN LEBN, 17, Delamare Bldgs., E.1.**

---

מיר בעטן אַלע אונזערע פריינט וואָס האָבן דערהאַלטן שמואל וואַהייט׳ס בוך אַריינצושיקן דעם סכום אויף דער דערמאָנטער אַדרעס.


**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**




# לשון און לעבן


חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 12 (העפט 291) זעכצנטער יאָרגאַנג דעצעמבער 1955, לאָנדאָן



רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


אינהאַלט:


1. „בימים ההם ובזמן הזה“. 2. „רבים ביד מעטים“ ....... ** 1

יהודית ....... 6

מנורה־באַלאַדע, דער אַלטער כהן, אין די חנוכה נעכט, דער „אידן־הוט“ (באַלאַדעס און צייט לידער) ....... א. נ. שטענצל 13

מנחם מענדל פון לאָנדאָן צו זיין ווייב שיינע שיינדל אין תל אביב ....... א. מייזעלס 18

חלום, חלום שטיל און רויק (ליד) ....... ש. זאַלקין 22

די קאַפּעלע (ליד) ....... שמואל וואַהייט 22

קבוצים (ליד) ....... ר. הײשעריק 23

„דער האָן“ (צייכענונג) ....... מאַריאַן באָהוש־שושקאָ 23

די געשיכטע פון די יידן אין ענגלאַנד (ערשטער קאַפּיטל פון 1066־1135) ....... אהרן ר. ראָלין 24

צו דער געשיכטע פון דער יידיש־וועלטלעכער שול ביים אַרבעטער־רינג אין לאָנדאָן ....... מ. מינדעל 27

נאָטיצן פון אַ לייענער (וועגן ביכל „שולדיק אָדער נישט שולדיק“ פון אליהו פאַלושאַק) ....... מ. אַלמאַן 28

צום יובל פון „לשון און לעבן“ ....... א. ב. צעראַטאַ 30

איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס ....... 32

לאָנדאָנער קולטור ידיעות ....... 32


**פּרייז 1 שילינג און 6 פּענס**


**אַבאָנענט־פּרייז:— 19/6 פאַר אַ יאָר**

**אין אויסלאַנד:— 5 דאָלאַר אַ יאָר**

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:—

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,

Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*